# כי תצא ליום שני

להמשיך מת״ת דז״א יהוה - נפש, י יה יהו יהוה - רוח, יוד הא ואו הא - נשמה, יֹהֹוֹהֹ - חיה יחידה, ד דמלוי יו״ד אל שם ב״ן שבעשיה בניקוד חולם

## תורה (כי תצא כא, טז-יח)

טז **וְהָיָה בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת־בָּנָיו אֵת**
**אֲשֶׁר־יִהְיֶה לוֹ לֹא יוּכַל לְבַכֵּר אֶת־בֶּן־**
**הָאֲהוּבָה עַל־פְּנֵי בֶן־הַשְּׂנוּאָה הַבְּכֹר׃**
וִיהֵי בְּיוֹמָא דְּיַחְסֵין יַת בְּנוֹהִי, יַת דִּיהֵי לֵיהּ. לֵית לֵיהּ רְשׁוּ,
לְבַכָּרָא יַת בַּר רְחוּמְתָּא, עַל אַפֵּי בַר שְׂנוּאֲתָא בּוּכְרָא׃
יז **כִּי אֶת־הַבְּכֹר בֶּן־הַשְּׂנוּאָה יַכִּיר לָתֶת**
**לוֹ פִּי שְׁנַיִם בְּכֹל אֲשֶׁר־יִמָּצֵא לוֹ כִּי־הוּא**
**רֵאשִׁית אֹנוֹ לוֹ מִשְׁפַּט הַבְּכֹרָה׃** אֲרֵי יַת
בּוּכְרָא בַּר שְׂנוּאֲתָא יַפְרֵישׁ, לְמִתַּן לֵיהּ תְּרֵין חוּלָקִין, בְּכֹל
דְּיִשְׁתְּכַח לֵיהּ. אֲרֵי הוּא רֵישׁ תּוּקְפֵיהּ, לֵיהּ חֲזֵיָא דִּינָא
דְּבֵכֵירוּתָא׃ ס יח **כִּי־יִהְיֶה לְאִישׁ בֵּן סוֹרֵר**
**וּמוֹרֶה אֵינֶנּוּ שֹׁמֵעַ בְּקוֹל אָבִיו וּבְקוֹל**

## ביאור מקרא

(טז) **וְהָיָה** און עס וועט זיין **בְּיוֹם** אין דעם טאג **הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו** וואס ער וועט מאכן זיינע זין זאלן באקומען אלס נחלה [אייגנטום] **אֵת אֲשֶׁר יִהְיֶה לוֹ** דאס וואס ער וועט פארמאגן [זיין פארמעגן, ד.מ. ווען ער וועט אויסטיילן זיין ירושה אויף נאך זיין שטארבן] **לֹא יוּכַל** וועט ער נישט טארן **לְבַכֵּר** מאכן א בכור **אֶת בֶּן הָאֲהוּבָה** דעם זון פון דער באליבטער [ווייב] **עַל פְּנֵי** פאר **בֶן הַשְּׂנוּאָה** דעם זון פון דער פארפיינטעטער [ווייב] **הַבְּכֹר** [וואס ער איז] דער [ריכטיגער] בכור: (יז) **כִּי** נאר **אֶת הַבְּכֹר** דעם בכור **בֶּן הַשְּׂנוּאָה** דער זון פון דער פארפיינטעטער [ווייב] **יַכִּיר** זאל ער אנערקענען [אלס בכור] **לָתֶת לוֹ** צו געבן פאר אים **פִּי שְׁנַיִם** א [דאפלטער] טייל [אזוי גרויס] ווי [דער טייל פון] צוויי [ברידער] **בְּכֹל** אין אלעם **אֲשֶׁר יִמָּצֵא** וואס עס וועט זיך געפינען **לוֹ** ביי אים **כִּי הוּא** ווייל ער איז **רֵאשִׁית אֹנוֹ** דער ערשטער פון זיין קראפט **לוֹ** צו אים געהער **מִשְׁפַּט הַבְּכֹרָה** דער דין פון דער בכורה: (יח) **כִּי יִהְיֶה** אז עס וועט זיין **לְאִישׁ** פאר א מענטש **בֵּן** א זון **סוֹרֵר** אן אפקערער [פונעם ריכטיגן וועג] **וּמוֹרֶה** און א ווידערשפעניגער [אנטקעגן זיין טאטן] **אֵינֶנּוּ שֹׁמֵעַ** ער נעמט נישט אן [ער פאלגט נישט] **בְּקוֹל אָבִיו** דער שטימע [די באפעלן] פון זיין טאטן **וּבְקוֹל אִמּוֹ** און די שטימע [די באפעלן] פון זיין מאמען

## רש״י

(יז) **פי שנים.** כנגד שני אחים: **בכל אשר ימצא לו.** מכאן שאין הבכור נוטל פי שנים בראוי לבא לאחר מיתת האב כבמוחזק: (יח) **סורר.** סר מן הדרך: **ומורה.** מסרב בדברי אביו, לשון ממרים:

## ביאור רש״י

(יז) **פִּי שְׁנַיִם.** **כְּנֶגֶד שְׁנֵי אַחִים** אקעגן צוויי ברידער [נעמט דער בכור]:

**בְּכֹל אֲשֶׁר יִמָּצֵא לוֹ. מִכָּאן** פון דא לערן איך ארויס **שֶׁאֵין הַבְּכוֹר נוֹטֵל פִּי שְׁנַיִם** אז דער בכור נעמט נישט צוויי חלקים **בָּרָאוּי לָבֹא לְאַחַר מִיתַת הָאָב** ביי פארמעגן וואס דארפן אנקומען נאכן טויט פונעם טאטן **כְּבַמּוּחְזָק** אזויווי א פארמעגן וואס ליגט שוין אינעם טאטנ׳ס רשות בשעת ער איז געשטארבן:

(יח) **סוֹרֵר.** אַן אפקערער, **סָר מִן הַדֶּרֶךְ** ער האט זיך אפגעקערט פונעם וועג:

**וּמוֹרֶה. מְסָרֵב בְּדִבְרֵי אָבִיו** ער טוט ווידערשפעניגן אין די רייד פון זיין טאטן, **לְשׁוֹן** עס איז א לשון פון **מַמְרִים** ווידערשפעניגער [מענטשן וואס ווילן נישט פאלגן]:

### ביאור מקרא

**וְיִסְּרוּ אֹתוֹ** און זיי וועלן אים שטראפן [ד.מ. זיי וועלן אים ווארענען און זיי וועלן אים שלאגן מלקות פאר בית דין] **וְלֹא יִשְׁמַע אֲלֵיהֶם** און ער וועט נישט אננעמען [די ווארנונגען] פון זיי, [דאן-]: (יט) **וְתָפְשׂוּ בוֹ אָבִיו וְאִמּוֹ** זאלן זיין טאטע און זיין מאמע אים אנכאפן **וְהוֹצִיאוּ אֹתוֹ** און זיי זאלן אים ארויסטראגן **אֶל זִקְנֵי עִירוֹ** צו די אלטע [חשוב׳ע] לייט פון זיין שטאט **וְאֶל שַׁעַר מְקֹמוֹ** און צום טויער [פון דעם בית דין] פון זיין פלאץ:

### תורה (כי תצא כא, יח-יט)

**אִמּוֹ וְיִסְּרוּ אֹתוֹ וְלֹא יִשְׁמַע אֲלֵיהֶם:** אֲרֵי יְהֵי
לִגְבַר, בַּר סָטֵי וּמָרוֹד. לֵיתוֹהִי מְקַבֵּל, לְמֵימַר אֲבוּהִי וּלְמֵימַר
אִמֵּיהּ. וּמַלְפִין יָתֵיהּ, וְלָא מְקַבֵּיל מִנְּהוֹן: יט **וְתָפְשׂוּ**
**בוֹ אָבִיו וְאִמּוֹ וְהוֹצִיאוּ אֹתוֹ אֶל־זִקְנֵי עִירוֹ**
**וְאֶל־שַׁעַר מְקֹמוֹ:** וְיֵחְדוּן בֵּיהּ אֲבוּהִי וְאִמֵּיהּ. וְיַפְּקוּן
יָתֵיהּ, לִקְדָם סָבֵי קַרְתֵּיהּ, וְלִתְרַע בֵּית דִּין אַתְרֵיהּ:

### רש״י

**ויסרו אותו.** מתרין בו בפני שלשה ומלקין אותו (סנהדרין עא.). בן סורר ומורה אינו חייב עד שיגנוב ויאכל תרטימר בשר וישתה חצי לוג יין, שנאמר זולל וסובא, ונאמר (משלי כג, כ) אל תהי בסובאי יין בזוללי בשר למו. ובן סורר ומורה נהרג על שם סופו, הגיעה תורה לסוף דעתו, סוף שמכלה ממון אביו, ומבקש למודו ואינו מוצא, ועומד בפרשת דרכים ומלסטם את הבריות, אמרה תורה ימות זכאי ואל ימות חייב (סנהדרין עב.):

### ביאור רש״י

**וְיִסְּרוּ אוֹתוֹ. מַתְרִין בּוֹ בִּפְנֵי שְׁלֹשָׁה** מען ווארנט אים אקעגן דריי דיינים **וּמַלְקִין אוֹתוֹ** און אויב הערט ער נישט אויף, שלאגן זיי אים מלקות. **בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה אֵינוֹ חַיָּיב** א ״בן סורר ומורה״ איז נישט חייב [מלקות און נאכדעם מיתה] **עַד שֶׁיִּגְנוֹב** ביז ער וועט גנב׳ענען **וְיֹאכַל תַּרְטֵימַר בָּשָׂר** און ער וועט אויפעסן א האלבע מנה פלייש **וְיִשְׁתֶּה חֲצִי לוֹג יַיִן** און ער וועט טרינקען א האלבן לוג וויין, **שֶׁנֶּאֱמַר** ווייל עס שטייט אין פסוק **זוֹלֵל וְסוֹבֵא** ער איז א פרעסער און א זויפער **וְנֶאֱמַר** און עס שטייט א פסוק **אַל תְּהִי בְסֹבְאֵי יָיִן בְּזֹלְלֵי בָשָׂר לָמוֹ** דו זאלסט נישט זיין צווישן די זויפער פון וויין און די פרעסער פון פלייש פאר זייער הנאה וועגן. **וּבֵן סוֹרֵר וּמוֹרֶה נֶהֱרַג** און דער ״בן סורר ומורה״ ווערט גע׳הרג׳עט [כאטש ער האט נישט עובר געווען קיין איין עבירה וואס עס קומט זיך דערפאר מיתה] **עַל שֵׁם סוֹפוֹ** וועגן דאס וואס ס׳וועט זיין ביי זיין סוף, **הִגִּיעָה תוֹרָה לְסוֹף דַּעְתּוֹ** די תורה האט דערגרייכט צו דעם סוף פון זיין שכל, **סוֹף** אז דער סוף וועט זיין **שֶׁמְּכַלֶּה מָמוֹן אָבִיו** אז ער וועט פארלענדן די געלט פון זיין טאטן **וּמְבַקֵּשׁ לִימּוּדוֹ** און ער וועט זוכן זיין געוואוינהייט [געלט פאר פלייש און וויין וואס ער איז איינגעוואוינט דערין] **וְאֵינוֹ מוֹצֵא** און ער וועט נישט טרעפן **וְעוֹמֵד בְּפָרָשַׁת דְּרָכִים** און ער וועט שטיין ביי א שיידוועג **וּמְלַסְטֵם אֶת הַבְּרִיּוֹת** און ער וועט בארויבן די מענטשן, **אָמְרָה תּוֹרָה** האט די תורה געזאגט **יָמוּת זַכַּאי וְאַל יָמוּת חַיָּיב** זאל ער שטארבן אלס אַן אומשולדיגער און ער זאל נישט שטארבן אלס א שולדיגער:

## נביאים

להמשיך מנ״ה דז״א צבאות - נפש, צ צב צבא צבאו צבאות - רוח, יהוה - נשמה דנצח, אדני - נשמה דהוד, יְהֻוִהְ - חיה יחידה דנצח, יֱהֱוֱהֱ - חיה יחידה דהוד, אל שם ב״ן שבעשיה

### רש״י

(ז) **כמנור אורגים.** תרגם יונתן כאכסן דגרדאין, אינשובל״א בלע״ז: **שש מאות שקלים.** כל השקלים האמורים בנביאים, מנים (בכורות נ.):

### נביאים (שמואל א׳ יז ז-י)

ז (וחץ) **וְעֵץ חֲנִיתוֹ כִּמְנוֹר אֹרְגִים וְלַהֶבֶת חֲנִיתוֹ**
**שֵׁשׁ־מֵאוֹת שְׁקָלִים בַּרְזֶל וְנֹשֵׂא הַצִּנָּה הֹלֵךְ**
**לְפָנָיו:** וְאָעָא דְמוּרְנִיתֵיהּ כְּאַכְסָן דְּגַרְדָּאִין, וְשִׁנָּנָא דְמוּרְנִיתֵיהּ

### ביאור מקרא

**דער** ריז גלית האט זיך ארויסגעשטעלט און האט געזידלט און געלעסטערט די אידן, און האט צו זיי גערופן זיי זאלן ארויסשטעלן נאר איינעם, א העלד, וואס זאל קענען מלחמה האלטן קעגן אים און לאמיר זען ווער עס וועט באזיגן.

(ז) **וְעֵץ חֲנִיתוֹ כִּמְנוֹר אֹרְגִים.** און די האלץ פון זיין שפיז איז געווען אזוי דיק, אזוויוי די האלץ פון די וועבערס. **וְלַהֶבֶת חֲנִיתוֹ שֵׁשׁ מֵאוֹת שְׁקָלִים בַּרְזֶל.** און דער אייזן פון זיין שפיז האט געוואגן זעקס הונדערט אייזערנע שקלים. **וְנֹשֵׂא הַצִּנָּה הֹלֵךְ לְפָנָיו.** און דער פאנצער טרעגער איז געגאנגען פאר אים:

## נביאים (שמואל א׳ יז ז-י)

מַתְקַל שִׁית מְאָה תִּקְלֵי פַרְזְלָא. וְנָטֵל תְּרֵיסָא אָזֵיל קֳדָמוֹהִי:
ח וַיַּעֲמֹד וַיִּקְרָא אֶל־מַעַרְכֹת יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר לָהֶם
לָמָּה תֵצְאוּ לַעֲרֹךְ מִלְחָמָה הֲלוֹא אָנֹכִי הַפְּלִשְׁתִּי
וְאַתֶּם עֲבָדִים לְשָׁאוּל בְּרוּ־לָכֶם אִישׁ וְיֵרֵד אֵלָי:
וְקָם וְאַכְרֵיז עַל סִדְרֵי יִשְׂרָאֵל, וַאֲמַר לְהוֹן, לְמָה תִּפְקוּן לְסַדָּרָא
קְרָבָא. הֲלָא אֲנָא פְּלִשְׁתָּאָה, וְאַתּוּן עַבְדִין לְשָׁאוּל אֲנָא הוּא גָּלְיָת
פְּלִשְׁתָּאָה דְמִן גַּת, דִּקְטָלִית תְּרֵין בְּנֵי עֵלִי כַּהֲנֵי, חָפְנִי וּפִינְחָס,
וּשְׁבֵיתִי יַת אֲרוֹן קְיָמָא דַיְיָ, וְאוֹבֵלִית יָתֵיהּ לְבֵית דָּגוֹן טַעֲוָתִי,
וַהֲוָה תַּמָּן בְּקִירְוֵי פְּלִשְׁתָּאֵי שַׁבְעָא יַרְחִין, אַף כָּל קְרָב וּקְרָב דַּהֲווֹ לְהוֹן לִפְלִשְׁתָּאֵי אֲנָא נָפֵיק בְּרֵישׁ חֵילָא,
וּנְצַחְנָא בִּקְרָבָא, וּרְמֵינָא קְטִילִין כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, וְעַד כְּעַן לָא אַכְשָׁרוּ יָתִי פְּלִשְׁתָּאֵי לְמֶהֱוֵי רַב אַלְפָא
עֲלֵיהוֹן, וְאַתּוּן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מַה גְּבוּרָא עֲבַד לְכוֹן שָׁאוּל בַּר קִישׁ דְּמִן גִּבְעֲתָא, דְּמַנִּיתוּן יָתֵיהּ מַלְכָּא
עֲלֵיכוֹן, אִם גְּבַר גִּבָּר הוּא יֵחוֹת וְיַעְבֵּיד קְרָבָא עִמִּי, וְאִם גְּבַר חַלָּשׁ הוּא, בְּחַרוּ לְכוֹן גַּבְרָא וְיֵחוֹת לְוָתִי:
ט אִם־יוּכַל לְהִלָּחֵם אִתִּי וְהִכָּנִי וְהָיִינוּ לָכֶם לַעֲבָדִים וְאִם־אֲנִי אוּכַל־לוֹ וְהִכִּיתִיו
וִהְיִיתֶם לָנוּ לַעֲבָדִים וַעֲבַדְתֶּם אֹתָנוּ: אִם יְכוּל לַאֲנָחָא קְרָבָא עִמִּי וְיִקְטְלִינַנִי, וּנְהֵי לְכוֹן
לְעַבְדִין. וְאִם אֲנָא אִכּוּל לֵיהּ וְאִקְטְלִינֵיהּ, וּתְהוֹן לָנָא לְעַבְדִין, וְתִפְלְחוּן יָתָנָא: י וַיֹּאמֶר הַפְּלִשְׁתִּי
אֲנִי חֵרַפְתִּי אֶת־מַעַרְכוֹת יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם הַזֶּה תְּנוּ־לִי אִישׁ וְנִלָּחֲמָה יָחַד: וַאֲמַר
פְּלִשְׁתָּאָה, אֲנָא חֲסָדִית יַת סִדְרֵי יִשְׂרָאֵל יוֹמָא דֵין לְמֵימָר. אַיְתוֹ לִי גַּבְרָא, וְנַגִּיחַ קְרָבָא כַּחֲדָא:

### רש״י

(ח) **למה תצאו.** כולכם לערוך מלחמה, ילחם אחד כנגדי בשביל כולכם, ובתנאי שהוא מפורש (פסוק ט) אם יוכל להלחם אתי וגו׳: **הלא אנכי הפלשתי.** איני לא שר מאה ולא שר אלף, אלא פלשתי כאחד מן האחרים, ואף על פי שנלחמתי להם כמה מלחמות, אני הרגתי חפני ופנחס, ושביתי את הארון (לעיל ד יא), ואתם נעשיתם עבדים לשאול, ולא הושיע אתכם מימיו בגבורתו: **ברו לכם.** בררו לכם: **איש.** את שאול, וירד אלי:

### ביאור מקרא

(ח) **וַיַּעֲמֹד וַיִּקְרָא אֶל מַעַרְכֹת יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר לָהֶם.** און ער איז געשטאנען און גערופן צום אנגעגרייטן חיל פון די אידן און ער האט געזאגט צו זיי. **לָמָּה תֵצְאוּ לַעֲרֹךְ מִלְחָמָה.** פארוואס זאלט איר אלע ארויסגיין אנגרייטן א מלחמה. **הֲלוֹא אָנֹכִי הַפְּלִשְׁתִּי.** איך בין דאך איינער פון די פלשתים [אפלו נישט קיין הער ביי זיי, כאטש איך האב שוין פיל מלחמות געפירט פאר פלשתים, געפאנגען דעם ארון און גע׳הרג׳עט חפני און פינחס]. **וְאַתֶּם עֲבָדִים לְשָׁאוּל.** און איר זענט קנעכט צו שאול [וואס האט אייך נאכנישט געהאלפן מיט זיין גבורה]. **בְּרוּ לָכֶם אִישׁ.** קלייבט זיך אויס א מאן [ער האט געמיינט שאול]. **וְיֵרֵד אֵלָי.** און ער זאל אראפקומען צו מיר:

(ט) **אִם יוּכַל לְהִלָּחֵם אִתִּי וְהִכָּנִי וְהָיִינוּ לָכֶם לַעֲבָדִים.** אויב ער וועט קענען מלחמה האלטן מיט מיר און מיר צעשלאגן, וועלן מיר פלשתים זיין פאר אייך קנעכט. **וְאִם אֲנִי אוּכַל לוֹ וְהִכִּיתִיו וִהְיִיתֶם לָנוּ לַעֲבָדִים וַעֲבַדְתֶּם אֹתָנוּ.** און אויב איך וועל אים קענען בייקומען און אים צעשלאגן, וועט איר זיין פאר אונז קנעכט און איר וועט אונז דינען:

(י) **וַיֹּאמֶר הַפְּלִשְׁתִּי.** האט דער פלשתי געזאגט. **אֲנִי חֵרַפְתִּי אֶת מַעַרְכוֹת יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם הַזֶּה.** איך האב געלעסטערט די מחנות פון די אידן היינטיגן טאג. **תְּנוּ לִי אִישׁ וְנִלָּחֲמָה יָחַד.** גיט מיר א מענטש און מיר וועלן צוזאמען מלחמה האלטן:

## כתובים

להמשיך מיסוד ומלכות דז״א שין דלת יוד - נפש, שין שין דלת שין דלת יוד - רוח, יאהדונהי - נשמה דיסוד, **א אד אדנ אדני** - נפש, אדני - רוח, אלף דלת נון יוד - נשמה דמלכות, יו הו וו הו - חיה יחידה דיסוד, יְהֹוָה - חיה יחידה דמלכות, אל שם ב״ן שבעשיה

## כתובים (תהלים מה ט-יב)

ט מֹר־וַאֲהָלוֹת קְצִיעוֹת כָּל־בִּגְדֹתֶיךָ מִן־הֵיכְלֵי שֵׁן

### רש״י

(ט) **מר ואהלות קציעות.** קדה (שמות ל כד) מתרגמינן קציעתא: **כל בגדותיך.** כל

### ביאור מקרא

**ער** רעדט דא ווייטער וועגן די גרויסקייט פון די תלמידי חכמים און די גרויסקייט וואס השי״ת וועט זיי באצאלן, און פון דעם זאל מען אפלערנען א מוסר צו גיין אין דעם תורה וועג.

(ט) **מֹר וַאֲהָלוֹת קְצִיעוֹת** פארשידענע ערליי שמעקעדיגע געווירצן **כָּל בִּגְדֹתֶיךָ** שמעקן אלע דיינע מלבושים, **מִן הֵיכְלֵי שֵׁן** שענער פון פאלאצן וועלכע זענען געבויט

## כתובים (תהלים מה ט-יב)

**מִנִּי שִׁמְּחוּךָ:** מֵירָא דַכְיָא וְאַקְסִיל אֲלוֹאִין וּקְצִיעֲתָא
מִתְגַּמְרִין כָּל לְבוּשָׁיךְ, מִן הֵיכְלַיָּא דִמְכַבְּשִׁין בְּשִׁין דְּפִיל מֵאֲרַע
מִנִּי יַחְדוּנָךְ: י **בְּנוֹת מְלָכִים בְּיִקְּרוֹתֶיךָ נִצְּבָה שֵׁגַל**
**לִימִינְךָ בְּכֶתֶם אוֹפִיר:** פַּלְכֵי מַלְכְוָתָא אָתִין לְמִקְבֵּל אַפָּךְ
וּלְיַקְּרוּתָךְ, בִּזְמַן דִּמְעַתַּד סְפַר אוֹרַיְתָא בִּסְטַר יְמִינָךְ, וּמִתְכַּתְּבָא
בְאוֹבְרִיזִין דְּמִן אוֹפִיר: יא **שִׁמְעִי־בַת וּרְאִי וְהַטִּי אָזְנֵךְ**
**וְשִׁכְחִי עַמֵּךְ וּבֵית אָבִיךְ:** שְׁמַעִי כְּנִשְׁתָּא דְיִשְׂרָאֵל
אוֹרַיְתָא פּוּמֵיהּ, וַחֲמִי פְרִישַׁת עוּבָדוֹי, וְתַצְלֵי אוּדְנָךְ לְפִתְגָמֵי
אוֹרַיְתָא, וְתִתְנְשֵׁי עוּבָדִין בִּישִׁין דְּרַשִׁיעֵי עַמֵּךְ, וּבֵית טַעֲוַת
דִּפְלַחְתְּ בֵּית אֲבוּיִךְ: יב **וְיִתְאָו הַמֶּלֶךְ יָפְיֵךְ כִּי־הוּא**
**אֲדֹנַיִךְ וְהִשְׁתַּחֲוִי־לוֹ:** וּבְכֵן יְרַגֵּג מַלְכָּא שׁוּפְרָךְ, אֲרוּם הוּא
רִבּוֹנֵיךְ, וְתִסְגְּדִין לֵיהּ:

### רש"י

בגדיך מריחים כריח בשמים. ומדרשו (ירושלמי פאה פ"א ה"א) כל בגדותיך וסרחוניך מתכפרים, ומריחים ריח ערב: מן היכלי שן מני שמחוך. יותר מהיכלי שן, משובחים ההיכלות המתוקנים לך בגן עדן לשמחך בהם: שן. איבויר"א בלע"ז: מני שמחוך. היכלות אשר מני, הם שמחוך הנותנים שכרך: (י) **בנות מלכים**. יהיו מבקרות אותך, כענין שנאמר (ישעיה מט כג) ושרותיהם מיניקותיך: **ביקרותיך**. קו"ף דגוש, לפי שהוא לשון ביקור, ואף על פי שכתוב יו"ד לפניה, ראיתי בנקוד רב סעדיה תיבה זו סדורה עם מי נתן למשיסה יעקב (שם מב כד) שכתוב בו יו"ד והסמ"ך מודגשת. ומנחם חברו לשון יוקר, כמו יקר מכלי פז (ראה איוב כח טז-יז) [ס"א אינו]. **שגל**. מלכה, כמו והשגל יושבת אצלו (נחמיה ב ו), וישתון בהון מלכא ורברבנוהי שגלתיה ולחינתיה (דניאל ה ב), אשתך תתיצב לימינך: **בכתם אופיר**. בקבועת עדי זהב [הבא] מאופיר: (יא) **שמעי בת וראי**. שמעי כנסת ישראל, וראי דרך הטוב: **והטי אזנך**. לתורה: **ושכחי עמך**. האומות שאת גדילה ביניהם: **ובית אביך**. עבודה זרה שעבדו אבותיך בעבר הנהר (תנחומא לך ג): (יב) **ויתאו המלך יפיך**. ואם תעשי כן, יתאוה המלך, הקדוש ברוך הוא, לנויי מעשיך (עי' בר"ר לט א):

### ביאור מקרא

פון עלפאנט ציין **מִנִּי שִׂמְּחוּךָ** זענען פון מיר אנגעגרייט דיך צו דערפרייען און געבן דיין שכר:

(י) **בְּנוֹת מְלָכִים בְּיִקְּרוֹתֶיךָ** טעכטער פון קעניגן וועלן דיך באזוכן, **נִצְּבָה שֵׁגַל לִימִינְךָ** די קעניגין וועט שטיין צו דיין רעכטע זייט **בְּכֶתֶם אוֹפִיר** מיט גאלדענע צירונג וואס קומט פון לאנד אופיר [אלעס איז א משל אויף די גרויסקייט און ממשלה פונעם מלך המשיח]:

(יא) **שִׁמְעִי בַת** הערצו טאכטער [ד.מ. כנסת ישראל, דער נביא רופט אזוי אן דאס אידישע פאלק פון גרויס ליבשאפט] **וּרְאִי** און זע איין דעם גוטן וועג **וְהַטִּי אָזְנֵךְ** און בייג צו דיינע אויערן [צו דער תורה], **וְשִׁכְחִי עַמֵּךְ** און פארגעס דיין פאלק [די שלעכטע וועגן פון די גוים וואס די אידן זענען צווישן זיי אין גלות] **וּבֵית אָבִיךְ** און פארגעס דעם הויז פון דיינע אור עלטערן [וואס האבן געדינט עבודה זרה]:

(יב) **וְיִתְאָו הַמֶּלֶךְ יָפְיֵךְ** און דעמאלטס וועט דער קעניג [השי"ת] גלוסטן די שיינקייט פון דיינע מעשים טובים, **כִּי הוּא אֲדֹנַיִךְ** ווייל ער איז דיין הער **וְהִשְׁתַּחֲוִי לוֹ** און בוק דיך צו אים:

## משנה

כלי אמצעי דגבורה דמלכות דיצירה **אלהים**

## משנה (ביצה פרק ב)

### ביאור משנה

**אינעם** פריערדיגן פרק האָבן מיר געלערנט אַז מען מעג טון אַ מלאכה אין יום טוב אויף צו צוגרייטן עסן ("אוכל נפש"), אָבער דאָס איז נאָר אויף צו עסן די זאַך אין יום טוב, אָבער צו קאָכן אַ זאַך צום עסן אינעם מאָרגנדיגן טאָג, סיי אויף אַ וואָכנטאָג, סיי אויף שבת, איז אסור מן התורה.

אָבער עס איז אסור מן התורה נאָר אויב מען קאָכט עס נאָנט צו נאַכט, אַזוי אַז מען וועט עס שוין נישט קענען עסן אין יום טוב, אָבער אויב מען וועט עס נאָך קענען עסן אין יום טוב, איז עס נישט אסור מן התורה, כאָטש ער אַליין דאַרף עס נישט פאַר יום טוב נאָר ער קאָכט עס אויף מאָרגן, ווייל מיר זאָגן, "הואיל ומקלעי ליה אורחים חזי ליה השתא נמי חזי ליה", דאָס הייסט, אַז וויבאַלד אויב עס וואָלט געקומען געסט וואָס האָבן נאָכנישט געגעסן וואָלט ער געמעגט קאָכן, וועגן דעם מעג ער עס קאָכן אויך יעצט ווען ער האָט נישט קיין געסט.

אָבער די רבנן האָבן גע'אסר'ט צו קאָכן אויף מאָרגן אפילו עס איז נאָך דאָ צייט עס צו עסן אין יום טוב. עס איז אָבער דאָ אַ חילוק, ווייל אויב מאָרגן איז אַ וואָכנטאָג, איז נישט דאָ קיין

### משנה (ביצה פרק ב)

**א** יוֹם טוֹב שֶׁחָל לִהְיוֹת עֶרֶב שַׁבָּת, לֹא יְבַשֵּׁל אָדָם בַּתְּחִלָּה מִיּוֹם טוֹב לַשַּׁבָּת, אֲבָל מְבַשֵּׁל הוּא לְיוֹם טוֹב, וְאִם הוֹתִיר הוֹתִיר לַשַּׁבָּת, וְעוֹשֶׂה תַבְשִׁיל מֵעֶרֶב יוֹם טוֹב וְסוֹמֵךְ עָלָיו לַשַּׁבָּת. בֵּית שַׁמַּאי אוֹמְרִים, שְׁנֵי תַבְשִׁילִין. וּבֵית הִלֵּל אוֹמְרִים, תַּבְשִׁיל אֶחָד. וְשָׁוִין בְּדָג וּבֵיצָה

### רבינו עובדיה

**(א) יום טוב שחל להיות ערב שבת לא יבשל בתחילה.** כלומר לא יהא תחילת בישולו ועיקרו לשום שבת, אלא לשום יום טוב יהא תחילת בישולו, ומה שמותיר יהא לשבת: **ועושה תבשיל מערב יום טוב.** לשם עירובי תבשילין. אית דאמרי טעמא דהאי תבשיל מערב יום טוב, משום כבוד שבת

### מברטנורא

הוא, שמתוך שמערב יום טוב זוכר השבת, יברור מנה יפה לשבת ולא ישכח שבת משום טרדת יום טוב. ואית דאמרי משום כבוד יום טוב הוא, כדי שיראו שאין אופין מיום טוב לשבת אלא אם כן התחיל מבעוד יום דיו"ט אינו אלא גומר, קל וחומר מיום טוב לחול לגמרי אין אופין ולא מבשלין. ומברכין על ערובי

## ביאור משנה

שום אופן מען זאָל עס מעגן היינט קאָכן אויף מאָרגן (וויבאַלד מען מעג דאָך מאָרגן קאָכן, האָט מען נישט מתיר געווען היינט צו קאָכן), אָבער אויב מאָרגן איז שבת (און אין שבת וועט מען דאָך נישט קענען קאָכן) האָבן די חכמים מתיר געווען צו קאָכן (ווייל מן התורה מעג מען דאָך, האָט מען מתיר געווען לכבוד שבת), אָבער זיי האָבן מתיר געווען צו קאָכן נאָר אויב מען האָט געמאַכט ערב יום טוב אַן "עירוב תבשילין", דאָס הייסט אַז מען גרייט אָן אַ געקעכטס פון פאַר יום טוב אויף שבת (ווי מיר וועלן לערנען ווייטער אין די משנה).

אין די גמרא זענען דאָ צוויי טעמים פאַרוואָס די חכמים האָבן געזאָגט אַז מען טאָר נישט קאָכן נאָר אויב מען האָט געמאַכט אַן "עירוב תבשילין".

איין טעם איז (רבא) כדי מען זאָל פאַרמערן אין כבוד פון שבת, ווייל די חכמים האָבן מורא געהאַט אַז מען וועט אַלעס אויפעסן אין יום טוב און גאָרנישט איבערלאָזן אויף שבת, וועגן דעם האָט מען געהייסן אָנגרייטן ערב יום טוב אַ באַזונדער געקעכטס אויף שבת, וואָס דורכדעם וועט מען זיך דערמאַנען אַז מען דאַרף איבערלאָזן עסן אויף שבת. (און דאָס איז נאָר אויב מען וויל קאָכן אין יום טוב אויף שבת, אָבער אויב נישט, דאַרף מען נישט מאַכן אַן "עירוב תבשילין", ווייל געוועגליך אויב מען קאָכט נישט יום טוב אויף שבת, האָט מען שוין געקאָכט אַלעס פון ערב יום טוב אויף שבת, וועט מען זיכער נישט פאַרגעסן און אויפעסן אַלעס אין יום טוב).

דער צווייטער טעם איז (רב אשי), כדי מען זאָל פאַרמערן אין כבוד פון יום טוב, ווייל די חכמים האָבן מורא געהאַט, אַז אויב מען וועט מתיר זיין צו קאָכן פון יום טוב אויף שבת, וועט מען קומען אויך צו קאָכן פון יום טוב אויף אינדערוואָכן, וועגן דעם האָט מען געהייסן אָנגרייטן ערב יום טוב אַ באַזונדער געקעכטס אויף שבת, כדי יעדער זאָל זען און זאָגן, אויב מען טאָר נישט קאָכן אין יום טוב לכבוד שבת נאָר אויב מען האָט שוין אָנגעהויבן צו קאָכן פון פאַר יום טוב, וואָס דעמאָלטס איז דאָס קאָכן אין יום טוב אַזיווי מען ענדיגט יעצט דאָס קאָכן וואָס מען האָט אָנגעהויבן ערב יום טוב, איז דאָך אוודאי אַז מען טאָר נישט קאָכן אין יום טוב אויף אינדערוואָכן (אפילו מען האָט אָנגעהויבן ערב יום טוב).

### משנה א

**יוֹם טוֹב שֶׁחָל לִהְיוֹת עֶרֶב שַׁבָּת** יום טוב וואָס פאַלט אויס אין ערב שבת [פרייטאָג] **לֹא יְבַשֵּׁל אָדָם בַּתְּחִלָּה** זאָל אַ מענטש נישט קאָכן ספּעציעל **מִיּוֹם טוֹב לַשַּׁבָּת** פון יום טוב אויף שבת. – ווי מיר האָבן געלערנט אין די הקדמה, אַז כאָטש מען מעג קאָכן אין יום טוב כדי צו עסן דאָס געקעכטס אין יום טוב, אָבער אויף צו עסן נאָך יום טוב טאָר מען נישט. **אֲבָל מְבַשֵּׁל הוּא לְיוֹם טוֹב** אָבער מען מעג קאָכן [אין יום טוב] פאַרן יום טוב, **וְאִם הוֹתִיר** און אויב עס איז איבערגעבליבן [פונעם געקעכטס] **הוֹתִיר לַשַּׁבָּת** מעג עס איבערבלייבן אויף שבת. – און מען מעג עסן דאָס איבערגעבליבענע אין שבת. **וְעוֹשֶׂה תַבְשִׁיל מֵעֶרֶב יוֹם טוֹב** און ער קען מאַכן [קאָכן] אַ געקעכטס ערב יום טוב, **וְסוֹמֵךְ עָלָיו לַשַּׁבָּת** און זיך פאַרלאָזן אויף דעם [צו מעגן קאָכן אין יום טוב] אויף שבת. – די געקעכטס פון ערב יום טוב הייסט "עירוב תבשילין", אויב מען האָט אַוועקגעלייגט אַן עירוב תבשילין, אַ געקאָכטע זאַך פאַר שבת, מעג מען שוין קאָכן אום יום טוב ספּעציעל פאַר שבת. דער טעם פאַרוואָס עס הייסט "עירוב תבשילין" שרייבט דער ראב"ד, אַז דאָס איז פון לשון "תערובות" אויסמישונג, ווייל ער מישט אויס דאָס געקעכטס פון שבת מיטן געקעכטס פון יום טוב, ווייל ערב יום טוב האָט ער אָנגעהויבן צו קאָכן אויף שבת, און דערנאָך אין יום טוב קאָכט ער פאַר יום טוב, און דערנאָך קאָכט ער נאָכאַמאָל פאַר שבת. **בֵּית שַׁמַּאי אוֹמְרִים** די בית שמאי זאָגן, [אַז דער עירוב תבשילין דאַרף זיין פון] **שְׁנֵי תַבְשִׁילִין** צוויי געקעכטסן, **וּבֵית הִלֵּל אוֹמְרִים** און די בית הלל זאָגן, [אַז עס איז גענוג] **תַּבְשִׁיל אֶחָד** איין געקעכטס. – עס איז דאָ פוסקים וואָס זאָגן, אַז דאָס איז נאָר אַז מען זאָל מעגן קאָכן, אָבער אַז מען זאָל מעגן באַקן דאַרף מען אויך אָנגערייטן פון פאַר יום טוב אַ ברויט גרויס ווי אַן איי ספּעציעל פאַר שבת, און אַזוי פירט מען זיך ביי יעדן "עירוב תבשילין" צו נעמען אַ געקעכטס מיט ברויט (אָדער מצה). **וְשָׁוִין** און זיי [די בית שמאי און די בית הלל] זענען גלייך [האַלטן די זעלבע] **בְּדָג וּבֵיצָה**

רבינו עובדיה **משנה** (ביצה פרק ב) מברטנורא

תבשילין כדרך שמברכין על ערובי חצרות. וצריך לזכות על ידי אחר לכל מי שרוצה אחר כך לסמוך על עירובו, ואפילו שלא מדעתו, דזכין לאדם שלא בפניו: **אכלו או שאבד**. אותו תבשיל שבישל, מערב שבת: **סומך עליו**. לבשל בישולו ביום טוב לצורך שבת. אבל מתחילתו אין עירובי תבשילין פחות מכזית, בין לאחד בין למאה. ואם התחיל בעיסתו ונאבד עירובו, מה שהתחיל גומר: **(ב) מטבילין את הכל**. שחייב אדם לטהר עצמו ברגל. וכל מה שצריך טבילה בין אדם בין כלים מטבילין מלפני השבת: **כלים מלפני השבת**. שכיון שהן ראויין לאחר טבילה לדבר שלא היו ראויין לו קודם טבילה, אי מטביל להו בשבת וביו"ט הוה ליה מתקן מנא ואסור. ושבת דנקט הכא, להודיעך כוחן דבית הלל, דאפילו בשבת שרו להטביל אדם, משום דנראה כמיקר וכמצטנן ורוחץ לתענוג ולא לשם טבילה: **(ג) ושוין שמשיקין את המים בכלי אבן**. מי שיש לו מים יפים לשתות ונטמאו, ממלא מהן כלי אבן שאינו מקבל טומאה ונותן במקוה

שֶׁעָלָיו שֶׁהֵן שְׁנֵי תַבְשִׁילִין. אֲכָלוֹ אוֹ שֶׁאָבַד, לֹא יְבַשֵּׁל עָלָיו בַּתְּחִלָּה. וְאִם שִׁיֵּר מִמֶּנּוּ כָּל שֶׁהוּא, סוֹמֵךְ עָלָיו לַשַּׁבָּת: **ב** חָל לִהְיוֹת אַחַר הַשַּׁבָּת, בֵּית שַׁמַּאי אוֹמְרִים, מַטְבִּילִין אֶת הַכֹּל מִלִּפְנֵי הַשַּׁבָּת, וּבֵית הִלֵּל אוֹמְרִים, כֵּלִים מִלִּפְנֵי הַשַּׁבָּת, וְאָדָם בַּשַּׁבָּת: **ג** וְשָׁוִין שֶׁמַּשִּׁיקִין אֶת הַמַּיִם בִּכְלִי אֶבֶן

## ביאור משנה

**שֶׁעָלָיו** אַז אַ פיש מיט די איי וואָס איז דערויף **שֶׁהֵן שְׁנֵי תַבְשִׁילִין** אַז זיי זענען צוויי געקעכטסן. – רש"י זאָגט, אַז מען פלעגט אָנשמירן אַן איי אויף דעם פיש איידער מען האָט עס געפּרעגלט, און דאָס ווערט גערעכענט ווי צוויי געקעכטסן אויך לויט די בית שמאי, און לויט די בית הלל איז גענוג אויך די פיש אַליין. **אֲכָלוֹ אוֹ שֶׁאָבַד** אויב מען האָט אים [דעם עירוב תבשילין] אויפגעגעסן אָדער עס איז פאַרלוירן געוואָרן [איידער מען האָט געקאָכט אין יום טוב לכבוד שבת], **לֹא יְבַשֵּׁל עָלָיו בַּתְּחִלָּה** זאָל מען נישט קאָכן אויף אים [וועגן דעם עירוב תבשילין] ספּעציעל [פאַר שבת]. – ווייל דער עירוב איז דאָך שוין נישט דאָ, אָבער ער מעג קאָכן פאַר יום טוב, און אויב עס בלייבט איבער מעג ער עס עסן אין שבת, ווי די משנה האָט פריער געזאָגט. **וְאִם שִׁיֵּר מִמֶּנּוּ כָּל שֶׁהוּא** און אויב עס איז געבליבן פון אים [פונעם עירוב תבשילין] עפּעס, **סוֹמֵךְ עָלָיו לַשַּׁבָּת** מעג מען זיך פאַרלאָזן אויף אים [צו קאָכן אין יום טוב] פאַר שבת. – די גמרא זאָגט, אַז דאָס וואָס די משנה זאָגט אַז עס איז איבערגעבליבן אַ "כל שהוא", עפּעס, מיינט מען אַז עס איז איבערגעבליבן כאָטש אַ כזית, און כאָטש אין אָנהייב ווען מען מאַכט דעם עירוב תבשילין דאַרף דאָך דער געקעכטס אויך נישט זיין מער ווי אַ כזית, לאָזט אונז די משנה הערן, אַז כאָטש ער האָט אָנגעגרייט אַ גרויס געקעכטס און עס איז דערפון פאַרלוירן געוואָרן אַ גרויס חלק, וואָלט מען געקענט מיינען אַז עס איז אַזוויוי דאָס גאַנצע געקעכטס איז שוין נישט דאָ, אויף דעם זאָגט די משנה אַז וויבאַלד עס איז געבליבן אַ כזית איז גענוג. (דער ברטנורא זאָגט, אַז עס איז גענוג אַז עס בלייבט איבער נאָר עפּעס אפילו וויניגער ווי אַ כזית, אָבער אַנדערע מפרשים פרעגן דאָס אָפּ):

### משנה ב

**חָל לִהְיוֹת אַחַר הַשַּׁבָּת** אויב יום טוב איז אויסגעפאַלן נאָך שבת [זונטאָג], **בֵּית שַׁמַּאי אוֹמְרִים** זאָגן די בית שמאי, **מַטְבִּילִין אֶת הַכֹּל מִלִּפְנֵי הַשַּׁבָּת** מען דאַרף טובל אַלעס פאַר שבת. – דער דין איז, אַז אַ מענטש דאַרף זיך טובל פאַר יום טוב, כדי ער זאָל זיין ריין אין יום טוב, (אַזוי זאָגט די גמרא אין מסכת ראש השנה (דף טז, ב) "חייב אדם לטהר עצמו ברגל", כדי ער זאָל קענען אַריינגיין אום יום טוב אין די עזרה פון בית המקדש און עסן קדשים בטהרה). אויב מען האָט כלים וואָס זענען טמא, דאַרף מען זיי טובל פאַר יום טוב כדי מען זאָל זיי קענען נוצן בטהרה. זאָגן די בית שמאי, אַז מען מוז אַלעס, סיי מענטשן און סיי כלים, טובל פאַר שבת (פרייטאָג), אָבער אין שבת ערב יום טוב טאָר מען נישט טובל, ווייל עס זעט אויס ווי ער פאַררעכט אַ זאַך, ווייל פאַרן טובל איז עס נישט געווען ראוי פאַר קדשים און טהרות און נאָכן טובל יאָ, און מען האָט אויף דעם גוזר געווען ווייל דורכדעם קען מען צוקומען צו פאַררעכטן אַ צובראָכענע כלי וואָס דאָס איז אסור מן התורה. **וּבֵית הִלֵּל אוֹמְרִים** און די בית הלל זאָגן, **כֵּלִים מִלִּפְנֵי הַשַּׁבָּת** כלים [זאָל מען טובל פאַר שבת], **וְאָדָם בַּשַּׁבָּת** און דער מענטש [מעג זיך טובל] אין שבת. – די בית הלל האַלטן, אַז טמא'נע כלים דאַרף מען טאַקע טובל פאַר שבת, ווייל עס זעט אויס ווי ער פאַררעכט אַ זאַך, אָבער אַ מענטש וואָס איז טמא מעג זיך טובל אין שבת, ווייל עס זעט נישט אויס ווי ער וויל זיך מטהר זיין, נאָר עס זעט אויס ווי ער גייט אין וואַסער זיך צו אָפּקילן, אָדער זיך אַרומציוואַשן, וועגן דעם האָט מען נישט גוזר געווען און ער מעג זיך יאָ טובל:

### משנה ג

**וְשָׁוִין** און זיי [סיי די בית שמאי און סיי די בית הלל] האַלטן גלייך **שֶׁמַּשִּׁיקִין אֶת הַמַּיִם** אַז מען מעג [אין יום טוב] מאַכן אָנרירן די [טמא'נע] וואַסער **בִּכְלִי אֶבֶן** [וואָס

רבינו עובדיה **משנה** (ביצה פרק ב) מברטנורא

**לְטַהֲרָן, אֲבָל לֹא מַטְבִּילִין. וּמַטְבִּילִין מִגַּב לְגַב וּמֵחֲבוּרָה לַחֲבוּרָה: ד בֵּית שַׁמַּאי אוֹמְרִים, מְבִיאִין שְׁלָמִים וְאֵין סוֹמְכִין עֲלֵיהֶן, אֲבָל לֹא עוֹלוֹת.**

מים מלוחים או עכורים עד שנושקים מים למים, ונמצאו אלו זרועים ומחוברים למי מקוה ובטלו אגבייהו וטהרו. ואין טהרה במקוה לשום אוכל ומשקה אלא למים בלבד, ולא בתורת טבילה אלא בתורת זריעה: **אבל לא מטבילין.** שאין נותנין אותן בכלי עץ טמא שצריך טבילה לכלי, להשיק בו, כדי לעלות טבילה לכלי אגב השקת המים: **ומטבילין מגב לגב.** מי שהטביל כלים לדעת שידרוך בהן זיתים בבית הבד לשמן של חולין, ונמלך לדרוך בהן ענבים בגת ליין של תרומה, צריך להטבילן פעם שניה לשם תרומה. וכן אם הטביל כלים לשם תרומה ונמלך לעשות בהם קודש, צריכים טבילה שנית לשם קודש. ואותה טבילה יכול להטביל ביו"ט, שאין כאן תיקון כלי לפי שאין טבילה זו להעלות אותן מידי טומאה אלא לתוספת טהרה: **ומחבורה לחבורה.** אם הטביל כליו על מנת לאכול פסחו עם חבורה זו ונמלך להימנות עם חבורה אחרת וצא להטביל כליו פעם שניה, אותה טבילה מותר לעשותה ביום טוב: **(ד) מביאין שלמים.** ביום טוב. שלמי חגיגה. לפי שיש בהם צורך אכילה לאדם: **ואין סומכין עליהם.** שהסמיכה אסורה משום שבות, שבכל כוחו היה סומך, והוה ליה משתמש בבעלי חיים. אלא סומכין עליהם מערב יום טוב, דלית להו לבית שמאי תיכף לסמיכה שחיטה: **אבל לא עולות.** חוץ מתמידין ומוספין שהן קרבן צבור וזמנן קבוע. אבל לא יביא עולת יחיד שאין בה אכילת הדיוט. ואפילו עולות ראיה קריבות בשאר ימות הרגל ולא ביום טוב, דרחמנא אמר (במדבר כט) עצרת תהיה לכם, לכם ולא לגבוה:

**ביאור משנה**

איז] אין אַ שטיינערנע כלי **לְטַהֲרָן** כדי זיי [די טמא'נע וואַסער] צו רייניגן, **אֲבָל לֹא מַטְבִּילִין** אָבער מען טאָר נישט טובל [אַ האָלצערנע כלי, דורכן מאַכן אָנרירן די טמא'נע וואַסער וואָס איז דאָ אין דעם, אָדער וואַסער פון אַ מקוה]. – דער דין איז, אַז ווען וואַסער איז טמא געוואָרן, קען מען עס מאַכן אָנרירן אין וואַסער פון אַ מקוה, און דאָס וואַסער ווערט טהור. זאָגט די משנה, אַז ווען די כלי איז אַ שטיינערנע, וואָס אַ שטיינערנע כלי ווערט נישט טמא (במילא איז עס דאָך נישט טמא געוואָרן פון די טמא'נע וואַסער וואָס ליגט אין די כלי), זענען אויך די בית שמאי מודה אַז מען מעג איינטינקען די כלי אין די מקוה כדי די טמא'נע וואַסער זאָל זיך אָנרירן אין די וואַסער פון די מקוה. אָבער אויב די טמא'נע וואַסער ליגט אין אַ האָלצערנע כלי (וואָס די כלי איז דאָך טמא געוואָרן פון די טמא'נע וואַסער וואָס ליגט אין איר), טאָר מען דאָס נישט מאַכן אָנרירן צו די וואַסער פון די מקוה, ווייל דורכדעם ווערט די האָלצערנע כלי אויך גע'טובל'ט, און מען טאָר נישט טובל אַ טמא'נע כלי דאָס טהור צו מאַכן אין יום טוב. (און דאָס טאָר מען נישט אויך לויט די בית הלל, ווי מיר האָבן געלערנט אין די פריערדיגע משנה). **וּמַטְבִּילִין מִגַּב לְגַב** אָבער מען מעג טובל [אין יום טוב] פון איין ציל צו אַן אַנדערן ציל. – אויב אַ כלי איז טמא געוואָרן און מען האָט עס גע'טובל'ט מיט די כונה אַז מען זאָל עס קענען נוצן צום עסן תרומה (וואָס איז הייליג און נאָר כהנים מעגן דאָס עסן), און נאָכדעם וויל מען נוצן די כלי צום עסן קודש, פלייש פון קרבנות, וועלכע זענען מער הייליג פון תרומה, דאַרף מען נאָכאַמאָל טובל די כלי, און אינזין האָבן, אַז מען זאָל עס קענען נוצן אויך פאַר קדשים-פלייש. זאָגט די משנה אַז די צווייטע טבילה, וואָס איז דאָך נאָר "פון איין ציל צו אַן אַנדערן ציל", פון תרומה צו קודש, מעג מען יאָ טובל אין יום טוב. **וּמֵחֲבוּרָה לַחֲבוּרָה** אָדער פון איין חבורה צו אַן אַנדער חבורה. – אויב איינער האָט ערב פסח גע'טובל'ט זיינע כלים צו עסן אין זיי דעם קרבן פסח מיט איין חבורה, און דערנאָך האָט ער באַשלאָסן צו עסן מיט אַ צווייטע חבורה, דאַרף ער נאָכאַמאָל טובל די כלים, און די טבילה מעג מען טובל אויך אין יום טוב. דער טעם, פאַרוואָס די צוויי סאָרט טבילות מעג מען טובל אין יום טוב, ווייל די צוויי טבילות זענען דאָך נישט צו מאַכן פון אַ טמא'נע כלי אַ טהור'ע, נאָר מען האָט דאָס איינגעפירט כדי צו צוגעבן אַן עקסטערע חשיבות און אַ "תוספת טהרה", אַ פאַרמערטע טהרה, וועגן דעם מעג מען זיי טובל אין יום טוב:

## משנה ד

**בֵּית שַׁמַּאי אוֹמְרִים** די בית שמאי זאָגן, **מְבִיאִין שְׁלָמִים** מען ברענגט [אין בית המקדש מקריב צו זיין אין יום טוב] די [קרבנות] שלמים, **וְאֵין סוֹמְכִין עֲלֵיהֶן** און מען טאָר נישט אַרויפלייגן אויף זיי די הענט [זיך סומך זיין], **אֲבָל לֹא עוֹלוֹת** אָבער מען טאָר נישט ברענגען אים יום טוב קיין [קרבנות] עולות. – די דריי ימים טובים, פסח שבועות און סוכות איז געווען אַ מצוה צו קומען קיין ירושלים, און יעדער איד האָט געדאַרפט ברענגען דריי קרבנות, צוויי קרבנות שלמים, וואָס איינס האָט געהייסן "שלמי חגיגה" (ווי עס שטייט אין פסוק (משפטים כג) "שלש רגלים תחוג לי בשנה"), און איינס האָט געהייסן "שלמי שמחה" (ווי עס שטייט אין פסוק (דברים טז) "ושמחת בחגך"), און איין קרבן עולה, וואָס האָט געהייסן "עולת ראיה" (ווי עס

## משנה (ביצה פרק ב)

וּבֵית הִלֵּל אוֹמְרִים, מְבִיאִין שְׁלָמִים וְעוֹלוֹת וְסוֹמְכִין עֲלֵיהֶם: ה בֵּית שַׁמַּאי אוֹמְרִים, לֹא יָחֵם אָדָם חַמִּין לְרַגְלָיו, אֶלָּא אִם כֵּן רְאוּיִין לִשְׁתִיָּה. וּבֵית הִלֵּל מַתִּירִין. עוֹשֶׂה אָדָם מְדוּרָה וּמִתְחַמֵּם כְּנֶגְדָּהּ: ו שְׁלֹשָׁה דְבָרִים רַבָּן גַּמְלִיאֵל מַחְמִיר כְּדִבְרֵי בֵית שַׁמַּאי,

### רבינו עובדיה

**ובית הלל אומרים.** מביאים שלמי חגיגה ועולות ראיה, דכתיב (דברים טז) עצרת לה', כל דלה'. אבל נדרים ונדבות דברי הכל אין קריבין ביום טוב לא עולות ולא שלמים: (ה) **לא יחם אדם חמין לרגליו.** אוכל נפש התירה התורה, ולא להבעיר אור בשביל רחיצה: **ובית הלל מתירין.** דמתוך

### מברטנורא

שהותרה הבערה לצורך אכילה, הותרה נמי שלא לצורך אכילה כשיש בה צורך קצת הנאה. ופסק הלכה דחמין שהוחמו ביום טוב רוחץ בהן פניו ידיו ורגליו, אבל לא כל גופו, דגזרו יום טוב אטו שבת. וחמין שהוחמו מערב יום טוב רוחץ בהן כל גופו ביום טוב:

## ביאור משנה

שטייט אין פסוק (שם) "ולא יראו פני ריקם וגו' שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך"). פון די קרבנות שלמים האָט מען מקריב געווען אויפן מזבח נאָר די פעטנס און אַנדערע טיילן, אָבער דאָס פלייש איז געוואָרן געגעסן דורך די בעלים און די כהנים. און די קרבן עולה האָט מען אינגאַנצן מקריב געווען אויפן מזבח און מען האָט גאָרנישט געגעסן דערפון. נאָך אַ דין איז, אויב איינער ברענגט אַ קרבן דאַרף ער פאַרן שעכטן דעם קרבן, אַרויפלייגן מיטן גאַנצן כח די הענט אויף די בהמה, וואָס דאָס הייסט "סמיכה", זיך אָנלאַנען אויף די בהמה. זאָגן די בית שמאי, אַז די קרבנות שלמים, "חגיגה" און "שמחה" מעג מען מקריב זיין אין יום טוב (ווייל דער מענטש קען עסן דאָס פלייש), אָבער מען טאָר נישט אַרויפלייגן די הענט אויפן קרבן אין יום טוב, וויבאַלד ער דאַרף עס טון מיטן גאַנצן כח, הייסט עס אַז ער באַנוצט זיך מיט די בהמה (וואָס עס איז אסור מדרבנן, ווי מיר וועלן לערנען ווייטער (פרק ה' - ווילך יום שני)). וועגן דעם האַלטן זיי אַז מען זאָל מאַכן די "סמיכה" פון ערב יום טוב, ווייל די בית שמאי האַלטן, אַז די סמיכה מוז נישט זיין ממש פאַרן שעכטן. אָבער דעם קרבן "עולת ראיה" טאָר מען נישט ברענגען אין יום טוב, ווייל דער מענטש עסט דאָך נישט דאָס פלייש. (און מען קען עס ברענגען ביז זיבן טעג, ווי דער דין איז אַז אויב מען האָט עס נישט געברענגט דעם ערשטן טאָג קען מען עס ברענגען גאַנצע זיבן טעג). **וּבֵית הִלֵּל אוֹמְרִים** און די בית הלל זאָגן, **מְבִיאִין שְׁלָמִים וְעוֹלוֹת** מען ברענגט אין יום טוב די שלמים און אויך די עולות **וְסוֹמְכִין עֲלֵיהֶם** און מען לייגט אַרויף אויף זיי די הענט. – ווייל זיי, די בית הלל האַלטן, אַז אַלע קרבנות, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן יום טוב, מעג מען מקריב זיין אין יום טוב, אפילו דעם קרבן עולה וואָס מען עסט נישט דערפון. און אויך האַלטן זיי אַז די "סמיכה" מוז זיין ממש פאַרן שעכטן, וועגן דעם דאַרף מען מאַכן די סמיכה אין יום טוב, און כאָטש עס איז אַן איסור דרבנן זיך צו באַנוצן מיט אַ בהמה אין יום טוב, האָבן די רבנן נישט גוזר געווען דערויף אין בית המקדש (אֵין שבות במקדש):

### משנה ה

**בֵּית שַׁמַּאי אוֹמְרִים** די בית שמאי זאָגן, **לֹא יָחֵם אָדָם חַמִּין** אַ מענטש זאָל נישט אָנוואַרעמען וואַרימע וואַסער **לְרַגְלָיו** צו [וואַשן] זיינע פיס, **אֶלָּא אִם כֵּן רְאוּיִין לִשְׁתִיָּה** נאָר אויב זיי [די וואַסער] זענען גוט צום טרינקען. – די בית שמאי האַלטן, אַז נאָר אויף צו עסן און צו טרינקען האָט די תורה מתיר געווען צו אָנצינדן און קאָכן אין יום טוב, אָבער נישט צו זיך וואַשן. תוספות ברענגט פון ירושלמי, אַז מען דאַרף אויך טרינקען אַביסל דערפון. און אויב ער וואַרעמט אָן דאָס וואַסער צו טרינקען מעג מען זיך וואַשן דערפון, כאָטש ער לייגט אַריין מער וואַסער כדי זיך צו וואַשן, וויבאַלד אַלעס ווערט געטון דורך איין מלאכה אויף איינמאָל. **וּבֵית הִלֵּל מַתִּירִין** און די בית הלל זענען מתיר. – די בית הלל האַלטן, אַז וויבאַלד די תורה האָט מתיר געווען אָנצוצינדן אַ פייער אין יום טוב צום קאָכן און באַקן, מעג מען אויך אָנצינדן פאַר סיי וועלכע הנאה, וואָס אַ מענטש קען האָבן דערפון. אפילו ער וועט נישט טרינקען דערפון (אָבער אויך לויט די בית הלל טאָר מען נישט אָנוואַרעמען נאָר אויף צו וואַשן דעם פנים הענט און פיס, אָבער נישט אויף צו וואַשן דעם גאַנצן גוף). [נאָך זאָגן די בית הלל] **עוֹשֶׂה אָדָם מְדוּרָה** אַ מענטש מעג מאַכן אַ גרויסע פייער [אין יום טוב] **וּמִתְחַמֵּם כְּנֶגְדָּהּ** און זיך אָנוואַרעמען קעגן איר [ביים פייער]:

### משנה ו

**שְׁלֹשָׁה דְבָרִים רַבָּן גַּמְלִיאֵל מַחְמִיר** דריי זאַכן איז רבן גמליאל מחמיר [ער האָט געהאַלטן אַז מען טאָר נישט] **כְּדִבְרֵי בֵית שַׁמַּאי** אַזויווי די בית שמאי. – עס זענען געווען צוויי נשיאים מיט נאָמען "רבן גמליאל", איינער אין ירושלים, רבן גמליאל הזקן (בערך צוואָנציג יאָר פאַרן חורבן בית שני), און דער צווייטער איז געווען זיין אייניקל, דאָס איז געווען רבן גמליאל פון יבנה נאָכן חורבן בית שני. ביידע האָבן געשטאַמט פון הלל הזקן (רבן גמליאל פון יבנה איז געווען אַ זון פון רבן שמעון, וואָס ער איז געווען אַ זון פון רבן

רבינו עובדיה **משנה** (ביצה פרק ב) מברטנורא

**(ו) אין טומנין את החמין מיום טוב לשבת.** דסברי בית שמאי, אין אופין אלא אם כן עירב בפת, ואין מבשלין אלא אם כן עירב על התבשיל, ואין טומנין אלא אם כן היו לו חמין טמונין מערב יום טוב. ובית הלל סברי דאופין ומבשלין וטומנין על עירוב של תבשיל בלבד. ומיהו בגמ' מוכח דבית הלל נמי בעו פת ובשר. וכן הלכה: **אין זוקפין** מנורה של חוליות שנתפרקו חוליותיה, אין מחזירים אותן, דהוי כבונה ויש בנין בכלים. ובית הלל סברי אין בנין בכלים: **גריצין.** ככרות עבות: **אלא רקיקין.** ככרות דקות, דסברי בית שמאי אין אופין פת מרובה ביו"ט משום טרחא. ובית הלל אומרים אופין פת מרובה ביו"ט, שבזמן שהפת מרובה היא נאפית יפה: **וחרי.** עיסה גדולה הנאפית על גבי גחלים משום דבעיא היסק גדול שהגחלים הולכות ועוממות וטרחא איכא. ואין הלכה כרבן גמליאל בכל מה שמחמיר כדברי בית שמאי:

אֵין טוֹמְנִין אֶת הַחַמִּין מִיּוֹם טוֹב לַשַּׁבָּת, וְאֵין זוֹקְפִין אֶת הַמְּנוֹרָה בְּיוֹם טוֹב, וְאֵין אוֹפִין פִּתִּין גְּרִיצִין אֶלָּא רְקִיקִין. אָמַר רַבָּן גַּמְלִיאֵל, מִימֵיהֶן שֶׁל בֵּית אַבָּא לֹא הָיוּ אוֹפִין פִּתִּין גְּרִיצִין, אֶלָּא רְקִיקִין. אָמְרוּ לוֹ, מַה נַּעֲשֶׂה לְבֵית אָבִיךָ, שֶׁהָיוּ מַחְמִירִין עַל עַצְמָן וּמְקִלִּין לְכָל יִשְׂרָאֵל, לִהְיוֹת אוֹפִין פִּתִּין גְּרִיצִין וָחֹרִי: ז אַף הוּא אָמַר שְׁלֹשָׁה דְבָרִים

**ביאור משנה**

גמליאל הזקן, און רבן גמליאל הזקן איז געווען אַ זון פון רבן שמעון, וואָס ער איז געווען אַ זון פון הלל הזקן), און די משנה זאָגט דאָ, אַז אין דריי זאַכן האָט רבן גמליאל (פון יבנה) גע'פסק'נט לחומרא אַזויווי די בית שמאי. ווי די משנה רעכנט אויס ווייטער. **אֵין טוֹמְנִין** מען טאָר נישט באַהאַלטן **אֶת הַחַמִּין** די וואַרעמס **מִיּוֹם טוֹב לַשַּׁבָּת** פון יום טוב צו שבת. – די בית הלל האַלטן, אַז אויב מען האָט געמאַכט אַן עירוב תבשילין מיט אַ געקעכטס (זע פריער משנה א') מעג מען אויך אַוועקשטעלן אין יום טוב אין אויוון טשאָלנט (באַהאַלטן וואַרעם עסן) אַז עס זאָל זיך האַלטן וואַרעם אויף שבת. אָבער די בית שמאי זאָגן, אַז קאָכן אויף דעם עירוב תבשילין מעג מען, אָבער באַהאַלטן אַ געקעכטס טאָר מען נישט, נאָר אויב מען האָט אויך באַהאַלטן געקעכטס פון ערב יום טוב. **וְאֵין זוֹקְפִין אֶת הַמְּנוֹרָה בְּיוֹם טוֹב** און מען טאָר נישט אויפשטעלן דעם לייכטער אין יום טוב. – צווישן די ניין און דרייסיג מלאכות וואָס מען טאָר נישט טון אין שבת, זענען דאָ "בונה", בויען, און "סותר", ציוואַרפן. און דאָס גייט אָן ביי יעדע זאַך, אַ הויז, אָדער אַ כלי, און יעדער האַלט אַז מען טאָר נישט פאַבריצירן אַ כלי, און אַז מען טאָר נישט צוברעכן אַ כלי. אָבער דאָ רעדט זיך פון אַזאַ סאָרט לייכטער וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון שטיקלעך, און עס שטעלט זיך גרינג אויף, זאָגן די בית שמאי אַז אויב אַזאַ לייכטער האָט זיך צונומען טאָר מען עס נישט צוריקשטעלן, ווייל זיי האַלטן אַז דאָס הייסט געבויט (יש בנין בכלים), און די בית הלל זאָגן אַז מען מעג עס צוריקשטעלן, ווייל זיי האַלטן אַז דאָס הייסט נישט געבויט (אין בנין בכלים). אָבער דאָס איז נאָר אין יום טוב, אָבער אין שבת האַלטן אויך די בית הלל אַז מען טאָר נישט, ווייל מען האָט גוזר געווען אויב ער וועט עס צוריקלייגן שטאַרק באַפעסטיגט, וואָס דעמאָלטס וועט ער יאָ חייב זיין וועגן בנין בכלים. **וְאֵין אוֹפִין** און מען טאָר נישט באַקן [אין יום טוב] **פִּתִּין גְּרִיצִין** דיקע ברויטן, **אֶלָּא רְקִיקִין** נאָר דינע [ברויטן]. – די בית שמאי האַלטן אַז באַקן דיקע ברויטן טאָר מען נישט אין יום טוב ווייל עס איז אַ גרויסע טירחא. אָבער די בית הלל האַלטן אַז מען מעג ווייל אַ גרויסע געבעקס באַקט זיך בעסער (עס איז דאָ מפרשים וואָס טייטשן, אַז מען מיינט נישט דיקע און דינע ברויטן, נאָר אַסאַך ברויטן און ווייניג ברויטן). רבן גמליאל האָט מחמיר געווען אין די אַלע דריי זאַכן אַזויווי די בית שמאי. **אָמַר רַבָּן גַּמְלִיאֵל** האָט רבן גמליאל געזאָגט, **מִימֵיהֶן שֶׁל בֵּית אַבָּא** פון די טעג פון די הויזגעזינד פון מיין טאַטע [רבן שמעון בן גמליאל] **לֹא הָיוּ אוֹפִין פִּתִּין גְּרִיצִין** האָט מען קיינמאָל נישט געבאַקן [אין יום טוב] דיקע ברויטן **אֶלָּא רְקִיקִין** נאָר דינע [ווי די בית שמאי]. **אָמְרוּ לוֹ** האָבן זיי [די חכמים] געזאָגט צו אים [צו רבן גמליאל], **מַה נַּעֲשֶׂה לְבֵית אָבִיךָ** וואָס זאָלן מיר טון צו דיין טאַטע'ס הויז [ווי אַזוי קענען מיר אַרויסלערנען פון דיין טאַטע'ס הויז], **שֶׁהָיוּ מַחְמִירִין עַל עַצְמָן** וואָס זיי פלעגן מחמיר זיין נאָר אויף זיך, **וּמְקִלִּין לְכָל יִשְׂרָאֵל** אָבער זיי האָבן מיקל [מתיר] געווען פאַר אַלע אַנדערע אידן, **לִהְיוֹת אוֹפִין פִּתִּין גְּרִיצִין** צו באַקן דיקע ברויטן **וָחֹרִי** און גרויסע קיכנס אויף קוילן. – די חכמים האָבן צוריקגעענטפערט פאַר רבן גמליאל, אַז זיין טאַטע'ס הויז האָט טאַקע מחמיר געווען אויף זיך, אָבער פאַר אַלע אידן האָבן זיי מקיל געווען אַז מען מעג מאַכן דיקע ברויטן, און אויך גרויסע קיכנס, וואָס איז אויך אַ גרויסע טירחא ווייל מען דאַרף האָבן דערפאַר אַ גרויסע פייער אין אויוון. עס איז דאָ אַ גרסא אין טייל משניות "חררין", פון דעם לשון "חררה", קיכנס וואָס ווערן געבאַקן אויף די גליענדיגע קוילן. דער ירושלמי ברענגט אויך דעם טייטש פון פסוק (בראשית מ) "שלשה סלי חורי", וואָס דאָס מיינט גרויסע געבעקס, וואָס מען באַקט פאַר אַ קעניג אָדער פאַר זייער חשוב'ע מענטשן ("חרי" מיינט גרויסע שרים):

## משנה ז

**אַף הוּא אָמַר שְׁלֹשָׁה דְבָרִים** ער [רבן גמליאל] האָט אויך

רבינו עובדיה **משנה** (ביצה פרק ב) מברטנורא

לְהָקֵל, מְכַבְּדִין בֵּין הַמִּטּוֹת, וּמַנִּיחִין אֶת הַמֻּגְמָר בְּיוֹם טוֹב, וְעוֹשִׂין גְּדִי מְקֻלָּס בְּלֵילֵי פְסָחִים. וַחֲכָמִים אוֹסְרִין: **ח** שְׁלֹשָׁה דְבָרִים רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה מַתִּיר, וַחֲכָמִים אוֹסְרִין. פָּרָתוֹ יוֹצְאָה בִרְצוּעָה שֶׁבֵּין קַרְנֶיהָ,

**(ז) מכבדין בין המטות.** שאוכלין שם, שרגילים להסב ולאכול על גבי מטות. ומפני שהוא מקום מועט לא חיישינן שמא ישוה גומות כדחיישינן גבי בית שהוא גדול ואי אפשר שלא יהיה שם גומא: **מוגמר.** לבונה על גבי גחלים להריח בה. אבל לגמר את הכלים דברי הכל אסור: **מקולס.** כרעיו ובני מעיו תלויין חוצה לו [בצלדו] כשצולהו, והיו עושים זכר לפסח דכתיב ביה (שמות יב) ראשו על כרעיו ועל קרבו. מקולס כגבור זה שכלי זייניו עמו. תרגום וכובע נחושת, וקולסא דנחשא. ורמב"ם פירש, מקולס מכובד, לשון קילוס: **וחכמים אוסרין.** בשלשתן. כיבוד, משום אשוויי גומות. ומוגמר, משום דלאו צורך לכל נפש הוא, שאינו אלא למפונקים ולמעונגים ולמי שריחו רע. מקולס, מפני שנראה כאוכל קדשים בחוץ. והלכה כחכמים: **(ח) פרתו יוצאה ברצועה שבין קרניה.** לנוי. ואמרו חכמים משאוי הוא ואינה תכשיט לה. ולא פרתו של רבי אלעזר בן עזריה היתה אלא של שכנתו, ועל שלא מיחה בה נקראת על שמו:

## ביאור משנה

געזאָגט דריי זאַכן לְהָקֵל מיקל צו זיין, **מְכַבְּדִין בֵּין הַמִּטּוֹת** מען מעג [אין יום טוב] אויסקערן צווישן די בעטן. – אַמאָל פלעגט מען עסן אויף בעטן, אָנגעלאַנטערהייט, ביים טיש, (זע אויך מסכת ברכות פרק ו' משנה ו' - תולדות יום ראשון) וועגן עניני סעודה). זאָגט רבן גמליאל, אַז אין יום טוב מעג מען אויסקערן נאָכן עסן צווישן די בעטן, כאָטש עס פלעגט זיין בלויזע ערד און עס איז נישט געווען איבערגעדעקט, ווייל וויבאַלד עס איז אַ קליין פלאַץ, איז מסתמא נישט דאָ דאָרט קיין גריבלעך וואָס קענען זיך אויסגלייכן דורכן קערן, וואָס ביי אַ גאַנצע שטוב טאָר מען טאַקע נישט אויסקערן ווייל מען האָט מורא אַז עס וועלן זיך אויסגלייכן די גריבלעך וואָס זענען געוועגליך דאָ אויף דער ערד, וואָס דאָס איז אַ מלאכה וואָס מען טאָר נישט טון אין שבת און אין יום טוב. **וּמַנִּיחִין אֶת הַמֻּגְמָר בְּיוֹם טוֹב** און מען מעג אַוועקלייגן די בשמים אויף די גליענדיגע קוילן אין יום טוב. – אַמאָליגע צייטן פלעגט מען נאָכן עסן לייגן בשמים אויף גליענדיגע קוילן, כדי עס זאָל אַרויסגעבן אַ גוטן גערוך, (זע מסכת ברכות פרק ו' משנה ו' - תולדות יום ראשון). און כאָטש עס איז נישט צום עסן, האָט רבן גמליאל עס מתיר געווען וויבאַלד עס איז פאַר די הנאה פונעם מענטש (אָבער אויסרייכערן קליידער איז רבן גמליאל אויך נישט מתיר). **וְעוֹשִׂין גְּדִי מְקֻלָּס** און מען מעג מאַכן [בראָטן] אַן אָנגעוואָפנט ציגעלע **בְּלֵילֵי פְסָחִים** אין די נאַכט פון פסח. – "גדי מקולס", אַן אָנגעוואָפנט ציגעלע, דאָס מיינט, מען נעמט דאָס געשאָכטענע ציגעלע, און מען הענגט-אָן דערויף די פיס און די געדערעם אויף די זייטן, און מען בראָט עס אָפּ אַזוי צוזאַמען. דעם קרבן פסח פלעגט מען אַזוי בראָטן ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען (זע מסכת פסחים פרק ז' משנה א' - פנחס יום שני). רבן גמליאל האָט מתיר געווען אויך היינטיגע צייטן ווען עס איז נישט דאָ דער בית המקדש, צו בראָטן אַ ציגעלע אַזוי, אויף פסח צום סדר, פאַר אַן אָנדענק צום קרבן פסח. **וַחֲכָמִים אוֹסְרִין** און די חכמים אסר'ן. – זיי זאָגן אַז מען טאָר נישט אויסקערן צווישן די בעטן, ווייל מיר האָבן מורא אַז עס וועלן זיך אויסגראָדן די גריבעלעך, און מען טאָר נישט לייגן די בשמים אויף די גליענדיגע קוילן (ווייל דאָס איז נאָר פאַר מפונקים, און ווער עס האָט אַ שלעכטן גערוך, און נישט יעדער דאַרף דאָס, און זיי האַלטן אַז אַ זאַך וואָס נישט יעדער דאַרף טאָר מען נישט טון אין יום טוב), און אַז מען טאָר נישט מאַכן אַזאַ ציגעלע פסח צום סדר, ווייל עס זעט אויס ווי מען עסט קדשים, קרבנות פלייש, אינדרויסן פון בית המקדש, וואו מען טאָר עס נישט עסן:

## משנה ח

**שְׁלֹשָׁה דְבָרִים רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה מַתִּיר** דריי זאַכן איז רבי אלעזר בן עזריה מתיר, **וַחֲכָמִים אוֹסְרִין** און די חכמים אסר'ן. **פָּרָתוֹ יוֹצְאָה בִרְצוּעָה שֶׁבֵּין קַרְנֶיהָ** זיין [רבי אלעזר'ס] קו גייט אַרויס מיט דעם לעדערנעם רוט צווישן אירע הערנער [אין שבת]. – אין די תורה (משפטים כג) שטייט אַז עס איז אַ "מצות עשה" אַז אַ איד'ס בהמה זאָל נישט טון קיין מלאכה אין שבת, אפילו דער איד האָט איר נישט צוגעהאָלפן דערצו, וועגן דעם אויב אַ בהמה פון אַ איד גייט אַרויס מיט עפעס אין שבת איז מען עובר אויף די מצוה (און אויב פירט מען אַ בהמה וואָס האָט אַ לאַסט אויף זיך (מחמר) איז מען עובר אויף נאָך אַ לא תעשה). אָבער עס זענען דאָ זאַכן וואָס די בהמה גייט געוועגליך אָנגעטון מיט דעם און עס ווערט גערעכנט ווי אַ צירונג פאַר איר און מיט דעם מעג זי אַרויסגיין. וועגן דעם האָט רבי אלעזר בן עזריה געהאַלטן אַז די קו מעג אַרויסגיין מיט דעם בענדל ווייל עס איז ווי אַ צירונג. אָבער די חכמים האָבן געהאַלטן אַז וויבאַלד נישט אַלע קיען גייען מיט דעם, איז עס אַ לאַסט און נישט קיין צירונג. (רש"י זאָגט אַז דאָ רעדט מען פון שבת, ווייל ער האַלט אַז יום טוב דאַרף די בהמה נישט רוען, אָבער עס זענען דאָ פוסקים וואָס האַלטן אַז אויך יום טוב דאַרף עס רוען). די גמרא זאָגט אין מסכת שבת (נד,

רבינו עובדיה **משנה** (ביצה פרק ב) מברטנורא

וּמְקָרְדִין אֶת הַבְּהֵמָה בְּיוֹם טוֹב, וְשׁוֹחֲקִין אֶת הַפִּלְפְּלִין בָּרֵחַיִם שֶׁלָּהֶם. רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר, אֵין מְקָרְדִין אֶת הַבְּהֵמָה בְּיוֹם טוֹב, מִפְּנֵי שֶׁעוֹשֶׂה חַבּוּרָה, אֲבָל מְקַרְצְפִין. וַחֲכָמִים אוֹמְרִים, אֵין מְקָרְדִין, אַף לֹא מְקַרְצְפִין: ט הָרֵחַיִם שֶׁל פִּלְפְּלִין, טְמֵאָה מִשּׁוּם שְׁלֹשָׁה כֵלִים, מִשּׁוּם כְּלִי קִבּוּל וּמִשּׁוּם כְּלִי מַתָּכוֹת וּמִשּׁוּם כְּלִי כְבָרָה:

**ומקרדין ביום טוב.** כמין מגירה קטנה של ברזל שׁיניה דקות ומחככין ומגרדין בה הבהמה ואע״ג דעביד חבורה: **ברחים שלהן.** קטנות העשויות לכך: **מקרצפין.** במגירה של עץ ששיניה גסות, ואין עושין חבורה: **אף לא מקרצפין.** דגזרינן קרצוף אטו קירוד. ואין הלכה כר׳ אלעזר בן עזריה בשלשה דברים הללו, אלא במקרדין את הבהמה בלבד, משום דהא קס ליה בשיטתיה דרבי שמעון דאמר דבר שאין מתכוין מותר, וקיימא לן כוותיה. וחכמים דפליגי עליה סברי כר׳ יהודה דאמר דבר שאין מתכוין אסור. ואינה הלכה: **(ט) משום שלשה כלים.** שאם פירש אחד מהן אינן שברי כלים, אלא כל אחד מהם חשוב כלי בפני עצמו וטמא, אף על פי שבעודו ברחים הן מחוברים ונראים ככלי אחד: **משום כלי קבול.** התחתונה שמקבלת אבק שחיקת הפלפלין דרך נקבי הכברה, טמאה משום כלי קבול, שכלי עץ שיש לו בית קבול הוא: **ומשום כלי מתכת.** העליונה שכותשין וטוחנין בה הפלפלין, טמאה משום כלי מתכת. דמשום כלי עץ ליכא לטמוייה, דפשוטיהן טהורים, אלא משום ליפויה התחתון שהוא של מתכת: **ומשום כלי כברה.** אמצעית שהיא מקפת את הכברה. משום כלי עץ לא מטמאה, דאין קבולה קבול. אלא חכמים גזרו טומאה על הכברה משום כלי ארוג, ואפילו אין הכברה של מתכת מטמאה משום כלי כברה:

## ביאור משנה

ב) אַז די קו איז נישט געווען פון רבי אלעזר בן עזריה, נאָר פון זיין שְׁכֵנָה, און ווייל ער האָט נישט מוחה געווען, ער האָט איר גאָרנישט געזאָגט, ווערט דאָס אָנגערופן אויף זיין נאָמען אַזויווי ער וואָלט דאָס אַליין געטון. **וּמְקָרְדִין אֶת הַבְּהֵמָה בְּיוֹם טוֹב** און מען מעג קראַצן [מיט אַן אייזערנעם קעמל, וועלכע האָט שאַרפע ציין] די בהמה אין יום טוב. – מען פלעגט נוצן אַ קעמל מיט שאַרפע ציינער, אָפּצוריייניגן די בהמה פון לייז און שמוץ וואָס קלעבט זיך אָן אין איר. און רבי אלעזר בן עזריה האַלט אַז כאָטש דורך די אייזערנע שאַרפע קעמל קען ווערן אַ וואונד אויף די בהמה, דאָך מעג מען, ווייל ער האַלט (ווי רבי שמעון) אַז "דבר שאין מתכוין מותר", אַ זאַך וואָס מען האָט נישט אינזין דערצו איז מותר. אָבער די חכמים האַלטן (ווי רבי יהודה) אַז "דבר שאין מתכוין אסור" און וויבאַלד עס קען זיך מאַכן אַ וואונד אויף די בהמה, טאָר מען נישט קראַצן מיט די אייזערנע קעמל. **וְשׁוֹחֲקִין אֶת הַפִּלְפְּלִין** און מען מעג מאָלן [אין יום טוב] פעפער **בָּרֵחַיִם שֶׁלָּהֶם** אין זייער מילכל. – רבי אלעזר בן עזריה האַלט אַז וויבאַלד די פעפער קען פאַרלירן פון זיין טעם אויב מען צעמאָלט עס פאַר יום טוב, מעג מען עס צעמאָלן אין יום טוב אין זיין קליינע מילכל. אָבער די חכמים האַלטן אַז מען טאָר נישט, נאָר אין אַ האָלצערנע אָדער שטיינערנע צודריקער, אַזויווי ביי אַנדערע געווירצן **רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר** רבי יהודה זאָגט, **אֵין מְקָרְדִין אֶת הַבְּהֵמָה בְּיוֹם טוֹב** מען טאָר נישט קראַצן [מיט אַן אייזערנעם קעמל] די בהמה אין יום טוב, **מִפְּנֵי שֶׁעוֹשֶׂה חַבּוּרָה** ווייל עס מאַכט אַ וואונד, **אֲבָל מְקַרְצְפִין** אָבער מען מעג איר קעמען [מיט אַן האָלצערנעם קעמל]. – "מקרדין" מיינט מען קעמען מיט אַ דינעם אייזערנע קעמל, וואָס האָט שאַרפע ציין, און דאָס טאָר מען נישט ווייל עס קען מאַכן אַ וואונד (אַזויווי אויך די חכמים האָבן פריער געזאָגט). "מקרצפין" מיינט קעמען מיט אַ האָלצערנעם קעמל, וואָס מאַכט נישט קיין וואונד, און וועגן דעם האַלט רבי יהודה אַז מען מעג קעמען דערמיט. **וַחֲכָמִים אוֹמְרִים** און די חכמים זאָגן **אֵין מְקָרְדִין** מען טאָר נישט קראַצן [מיט אַן אייזערנעם קעמל], **אַף לֹא מְקַרְצְפִין** און מען טאָר אויך נישט קעמען [מיט אַ האָלצערנעם קעמל]. – די חכמים האַלטן אַז אויך מיט אַ האָלצערנעם קעמל טאָר מען נישט, און כאָטש עס מאַכט נישט קיין וואונד, האָט מען גוזר געווען דערויף, ווייל מען האָט מורא אַז דורכדעם וועט ער קומען קראַצן אויך מיט אַן אייזערנעם קעמל:

### משנה ט

**הָרֵחַיִם שֶׁל פִּלְפְּלִין** אַ מילכל פון פעפער, **טְמֵאָה** איז טמא [אויב עס רירט אָן אַ טמא׳נע זאַך, למשל, אַ טויטן שרץ], **מִשּׁוּם שְׁלֹשָׁה כֵלִים** וועגן דריי כלים, **מִשּׁוּם כְּלִי קִבּוּל** וועגן אַ כלי קיבול [אַ כלי וועלכע נעמט אַריין אין זיך] **וּמִשּׁוּם כְּלִי מַתָּכוֹת** און וועגן אַ מעטאַלענע כלי, **וּמִשּׁוּם כְּלִי כְבָרָה** און וועגן אַ זיפ־כלי. – דער פעפער-מילכל איז געמאַכט פון האָלץ. און באַשטייט פון דריי טיילן. דער אויבערשטער טייל איז אַ שטיק האָלץ, וואָס אויף די שפּיץ איז באַדעקט מיט אייזן וואָס דערמיט צעקלאַפּט מען און מען צעמאָלט דעם פעפער. דער מיטלסטער טייל איז געמאַכט ווי אַ זיפּ, דורך וועלכע די צעמאָלענע פעפער גייט אַדורך. דער אונטערשטער טייל איז

**משנה** (ביצה פרק ב)

י **עֲגָלָה שֶׁל קָטָן טְמֵאָה מִדְרָס וְנִטֶּלֶת בַּשַּׁבָּת, וְאֵינָהּ נִגְרֶרֶת אֶלָּא עַל גַּבֵּי כֵלִים. רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר, כָּל הַכֵּלִים אֵין נִגְרָרִין חוּץ מִן הָעֲגָלָה, מִפְּנֵי שֶׁהִיא כוֹבֶשֶׁת:**

**רבינו עובדיה מברטנורא**

(י) **עגלה**. העשויה לשחוק לקטן, ומיוחדת לו לישב עליה: **טמאה מדרס**. אם היה הקטן זב, נעשית העגלה אב הטומאה: **ונטלת בשבת**. דתורת כלי עליה: **ואינה נגררת** בשבת **אלא על גבי כלים**. על גבי בגדים. מפני שעושה חריץ בקרקע, וחופר חייב משום חורש: **ר' יהודה אומר כו**. תרי תנאי נינהו ואליבא דר' יהודה. דתנא קמא נמי ר' יהודה היא דאמר דבר שאין מתכוין אסור. ואתא האי תנא אחריתי ואמר דלא אסר ר' יהודה בעגלה של קטן, מפני שאינה עושה חריץ בהלוכה ע"י חפירה, אלא כובשת הקרקע ונדוש תחתיה ונעשה אפרה נמוך אבל אינה מוזיז עפר ממקומה. וכבר אפסיקא הלכתא כר"ש דאמר גורר אדם מטה כסא וספסל, ובלבד שלא יתכוין לעשות חריץ:

**ביאור משנה**

פון האָלץ געמאַכט ווי אַ שיסל, אין וועלכע די צעמאָלענע פעפער פאַלט אַריין. זאָגט די משנה, אַז אויך ווען דאָס פעפער-מילכל איז צונומען, קען יעדער טייל טמא ווערן באַזונדער. דער אויבערשטער טייל ווייל עס האָט אויף זיך אייזן (און אַן אייזערנע כלי קען טמא ווערן, אויך ווען עס האָט נישט קיין "בית קיבול" מען זאָל קענען עפעס אַריינלייגן אין איר). דער מיטלסטער טייל אַלס כלי כברה, אַ זיפּ, (כאָטש אַ האָלצערנע כלי ווערט נישט טמא נאָר אויב עס האָט אַ "בית קיבול", און די געמאָלענע פעפער פאַלט דאָך אַרויס פון די לעכער, דאָך איז עס מקבל טומאה וועגן די אָפּפאַל פון די פעפער וואָס דאָס בלייבט יאָ אינעווייניג, אַזוי טייטשט תוספות. אָבער רש"י און דער ברטנורא טייטשט אַז דאָס איז אַ גזירה מדרבנן וועגן אַ קלייד וואָס איז מקבל טומאה אויך ווען עס האָט נישט קיין בית קיבול). און דער אונטערשטער טייל אַלס אַ כלי קיבול, אַ כלי אין וועלכע מען קען עפּעס אַריינלייגן. (וועגן דעם ענין פון טומאה פון כלים זע אין מסכתא כלים):

### משנה י

**עֲגָלָה שֶׁל קָטָן** אַ וועגעלע פון אַ קינד **טְמֵאָה מִדְרָס** איז טמא אַלס מדרס. – דער דין איז, אַז אויב אַ זב וואָס איז טמא, זעצט זיך אַראָפּ אָדער שטעלט זיך אַרויף אָדער ער לאַנט זיך אָן אויף אַ זאַך וואָס איז באַשטימט צום זיצן אָדער צו ליגן, ווערט די זאַך טמא אַלס "מדרס" (זע וועגן דעם אין מסכת זבים) און עס ווערט אַן "אב הטומאה" אפילו ער האָט עס נישט אָנגערירט. זאָגט די משנה, אַז אויב דאָס וועגעלע איז געמאַכט געוואָרן, אַז דאָס קינד זאָל זיצן דערויף, איז אויב דאָס קינד איז אַ זב און עס זעצט זיך אויף דעם וויגעלע, ווערט דאָס וויגעלע טמא אַלס "מדרס" (דאָס וואָרט "מדרס" איז דער טייטש "טרעטן"). **וְנִטֶּלֶת בַּשַּׁבָּת** און מען מעג עס [דאָס וועגעלע] נעמען אין שבת. – ווייל עס הייסט אַ כלי וואָס מען נוצט, און עס איז נישט מוקצה. כאָטש עס איז געמאַכט נאָר פאַר אַ קינד זיך צו שפּילן דערמיט, דאָך איז עס נישט מוקצה אויך פאַר אַ גרויסן. **וְאֵינָהּ נִגְרֶרֶת** און זי ווערט נישט געשלעפּט [מען טאָר נישט שלעפן דאָס וועגעלע אויף דער ערד אין שבת] **אֶלָּא עַל גַּבֵּי כֵלִים** נאָר אויף קליידער. – ווען מען שלעפט עס אויף דער ערד מאַכט מען אַ שפּאַלט, מען רירט די ערד פון אָרט, און דאָס הייסט גראָבן און מען טאָר דאָס נישט טון, אָבער ווען עס איז אויסגעשפּרייט אויף דער ערד קליידער-וואַרג (ווי טעפּיכער) מעג מען שלעפן דאָס וועגעלע אויף זיי. **רַבִּי יְהוּדָה אוֹמֵר** רבי יהודה זאָגט, **כָּל הַכֵּלִים** אַלע כלים **אֵין נִגְרָרִין** טאָרן נישט געשלעפּט ווערן **חוּץ מִן הָעֲגָלָה** אויסער אַ וועגעלע, **מִפְּנֵי שֶׁהִיא כוֹבֶשֶׁת** ווייל עס דריקט אַראָפּ [די ערד]. – וויבאַלד עס האָט רעדער, מאַכט עס נישט קיין שפּאַלט, נאָר עס דריקט אַראָפּ די ערד, און דאָס הייסט נישט געגראָבן. די גמרא זאָגט, אַז סיי די פריערדיגע דעה און סיי די יעצטיגע דעה זענען געלערנט אין נאָמען פון רבי יהודה; נאָר דער ערשטער תנא לערנט אין נאָמען פון רבי יהודה, אַז מען טאָר נישט שלעפן אפילו אַ וועגעלע, ווייל רבי יהודה האַלט, אַז "דבר שאינו מתכוון אסור", און כאָטש ער איז דאָך נישט מכוון צו מאַכן אַ שפּאַלט אין דער ערד, טאָר מען אויך נישט. און דער צווייטער תנא האַלט, אַז ביי אַ וועגעלע איז רבי יהודה מתיר, ווייל עס מאַכט נישט קיין שפּאַלט, נאָר עס דריקט אַראָפּ די ערד:

## גמרא

הלכה ה׳ כלה כלי החיצון דחסד דמלכות דבריאה **אלף** למד

**גמרא** (ביצה דף טו ע"ב - טז ע"ב)

**לֹא יְבַשֵּׁל וְכוּ'**: מְנָא הָנֵי מִילֵּי. אָמַר שְׁמוּאֵל, דְּאָמַר קְרָא

**רש"י**

מנה"מ. לאו דוקא מקראי יליף, דערובי

**ביאור גמרא**

מיר האָבן געלערנט אין די משנה: **לֹא יְבַשֵּׁל וְכוּ'** אויב יום טוב פאַלט אויס ערב שבת זאָל מען נישט קאָכן פון יום טוב אויף שבת, נאָר די חכמים האָבן מתקן געווען מען זאָל מאַכן אַן עירוב תבשילין פון ערב יום טוב כדי מען זאָל מעגן קאָכן פון יום טוב אויף שבת. פרעגט די גמרא **מְנָא הָנֵי מִילֵּי** פון וואו האָבן די רבנן גענומען אַ סמך, וועגן דאַרפן מאַכן אַן עירוב תבשילין צו מעגן קאָכן פון יום טוב אויף שבת. ענטפערט די גמרא **אָמַר שְׁמוּאֵל** האָט שמואל געזאָגט **דְּאָמַר קְרָא**

## גמרא (ביצה דף טו ע״ב - טז ע״ב)

(שמות כ) ׳זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ׳, זָכְרֵהוּ מֵאַחֵר שֶׁבָּא לְהַשְׁכִּיחוֹ. מַאי טַעֲמָא, אָמַר רָבָא כְּדֵי שֶׁיִּבְרוֹר מָנָה יָפָה לְשַׁבָּת, וּמָנָה יָפָה לְיוֹם טוֹב. רַב אַשִׁי אָמַר, כְּדֵי שֶׁיֹּאמְרוּ אֵין אוֹפִין מִיּוֹם טוֹב לְשַׁבָּת, קַל וָחוֹמֶר מִיּוֹם טוֹב לְחוֹל. תְּנַן, עוֹשֶׂה תַּבְשִׁיל מֵעֶרֶב יוֹם טוֹב וְסוֹמֵךְ עָלָיו לְשַׁבָּת. בִּשְׁלָמָא לְרַב אַשִׁי, דְּאָמַר כְּדֵי שֶׁיֹּאמְרוּ אֵין אוֹפִין מִיּוֹם טוֹב לְשַׁבָּת, הַיְינוּ דְּמֵעֶרֶב יוֹם טוֹב אִין, בְּיוֹם טוֹב לֹא. אֶלָּא לְרָבָא,

### רש״י

תבשילין דרבנן, והכי קא מבעיא ליה אהיכא אסמכוה רבנן: **זכור**. אין זכירה אלא בדבר המשתכח: **זכרהו מאחר שבא להשכיחו**. כשבא יום טוב בערב שבת קרוב שבת להשתכח מחמת יום טוב, שמרבה בסעודת היום ואינו מניח לשבת כדי כבודו, והזהירך הכתוב לזכרו, וכשמערב ערובי תבשילין נמצא שזוכרו, שהרי אינו עושה אלא מחמת שבת: **מאי טעמא**. למה תקנו ערוב, קרא ודאי לאו בערוב משתעי ולאו ערוב משתמע מיניה, ואסמכתא בעלמא הוא, וכי אתא קרא לקדוש היום אתא כדתניא בפסחים (קו.) זכרהו על היין, וערוב מדרבנן, ומה ראו לתקן: **אמר רבא כדי שיברור וכו׳**. מתוך שמערב זוכר את השבת ואינו מכלה את הכל ליום טוב, וברר מנה לזה ומנה לזה: **רב אשי אמר**. לא לכבוד שבת תקנוהו אלא לכבוד יום טוב: **כדי שיאמרו אין אופין מיום טוב לשבת**. אלא אם כן התחיל מבעוד יום דאינו אלא כגומר והולך, אבל אתחולי לא: **קל וחומר דמיום טוב לחול**. לגמרי לא: **בשלמא לרב אשי**. דאמר לכבוד יום טוב תקנוהו כדי שיאמרו אסור להתחיל בשולי שבת ביום טוב, היינו דמערב יום טוב הולך לעשותו: **אלא לרבא**. דאמר כדי שיברור:

### ביאור גמרא

ווייל דער פסוק זאגט (שמות כ, ח) ׳**זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ**׳ געדענק דעם טאג פון שבת, אים צו הייליגן, דרש׳נט מען **זָכְרֵהוּ** געדענק דעם שבת **מֵאַחֵר שֶׁבָּא לְהַשְׁכִּיחוֹ** פון אן אנדער זאך וואס מאכט פארגעסן דעם שבת וויבאלד צוליבן זיין פארנומען מיט דעם יום טוב (אין ערב שבת) קען אויסקומען צו פארגעסן איבערצולאזן שפייז פאר שבת, זאגט דער פסוק, זאלסט געדענקען דעם שבת, דורכדעם וואס דו וועסט מאכן אן עירוב תבשילין צו מעגן קאכן פון יום טוב אויף שבת, וואס מען ווייזט דערמיט אז מען געדענקט דעם שבת, ווייל דעם עירוב תבשילין דארף מען דאך נאר כדי צו קענען קאכן פאר שבת. פרעגט די גמרא **מַאי טַעֲמָא** וואס איז דער טעם וואס די רבנן האבן מתקן געווען צוליב דעם אז מען זאל מאכן אן עירוב תבשילין, (דער רמז דערויף איז טאקע פון פסוק, זכור את יום השבת לקדשו, אבער דער פסוק קומט דאך לעולם צו זאגן, אז מען דארף זאגן קידוש היום אין שבת, ווי מיר האבן געלערנט. ענטפערט די גמרא **אָמַר רָבָא** האט רבא געזאגט **כְּדֵי שֶׁיִּבְרוֹר מָנָה יָפָה לְשַׁבָּת, וּמָנָה יָפָה לְיוֹם טוֹב** וויבאלד דער מענטש מאכט דעם עירוב תבשילין צוליב שבת, וועט ער דורכדעם געדענקען איבערצולאזן א שיינעם חלק פון די שפייז פון יום טוב אויך פאר שבת; **רַב אַשִׁי אָמַר** רב אשי זאגט, דער טעם פון עירוב תבשילין איז נישט וועגן דעם כבוד פון שבת, נאר דאס איז וועגן דעם כבוד פון יום טוב, **כְּדֵי שֶׁיֹּאמְרוּ** כדי די מענטשן זאלן וויסן צו זאגן **אֵין אוֹפִין מִיּוֹם טוֹב לְשַׁבָּת** אז מען טאר נישט קאכן אדער באקן פון יום טוב אויף שבת, אויב מען האט נישט געהאט אנגעהויבן דאס קאכן ערב יום טוב, דורך דעם עירוב תבשילין, וואס דעמאלטס טוט מען נאר אין יום טוב ענדיגן דעם קאכן פאר שבת, אבער אינגאנצן אנהויבן קאכן אין יום טוב אויף שבת טאר מען נישט, **קַל וָחוֹמֶר מִיּוֹם טוֹב לְחוֹל** וועלן דאך מענטשן וויסן צו זאגן א קל וחומר, מה-דאך פון יום טוב אויף שבת טאר מען נישט קאכן אָן אן עירוב, איז דאך געוויס אז פון יום טוב אויף די וואכן-טעג טאר מען זיכער נישט קאכן.

פרעגט די גמרא, די צייט פון מאכן דעם עירוב תבשילין איז דאך ערב יום טוב, **תְּנַן** ווי מיר האבן געלערנט אין די משנה **עוֹשֶׂה תַּבְשִׁיל מֵעֶרֶב יוֹם טוֹב וְסוֹמֵךְ עָלָיו לְשַׁבָּת** דעם עירוב תבשילין מאכט מען מיט א געקעכטס אין ערב יום טוב, און דאס הייסט, אז מען האט שוין אנגעהויבן קאכן אויף שבת, **בִּשְׁלָמָא לְרַב אַשִׁי** בשלמא לויט רב אשי **דְּאָמַר** וואס ער האט געזאגט דעם טעם פארוואס מען מאכט אן עירוב תבשילין **כְּדֵי שֶׁיֹּאמְרוּ** כדי מענטשן זאלן וויסן צו זאגן **אֵין אוֹפִין מִיּוֹם טוֹב לְשַׁבָּת** אז מען טאר נישט לכתחילה אנהויבן אין יום טוב צו קאכן פאר שבת, **הַיְינוּ** וועט זיין רעכט **דְּמֵעֶרֶב יוֹם טוֹב** אז אויב ער האט געמאכט ערב יום טוב דעם עירוב תבשילין **אִין** וועט מען מעגן קאכן יום טוב אויף שבת, ווייל ער האט שוין אנגעהויבן צו קאכן אויף שבת פון ערב יום טוב, **בְּיוֹם טוֹב לֹא** אבער יום טוב אליין טאר ער נישט מאכן דעם עירוב תבשילין, כדי ארויסצוברענגען אז אויב מען וויל פון יום טוב מעגן קאכן אויף שבת, דארף מען האבן אנגעהויבן פון ערב יום טוב, דורך האבן געמאכט דעם עירוב תבשילין, **אֶלָּא לְרָבָא** נאר לויט רבא, וואס ער האט געזאגט דעם טעם פון מאכן אן עירוב תבשילין אז מען זאל אין יום טוב געדענקען איבערצולאזן א שיינעם חלק שפייז אויך פאר

## רש"י

**אפילו ביום טוב**. יעשהו לפני סעודת יום טוב יש כאן זכירת שבת לברור מנותיו: **שמא יפשע**. ישכח ולא יערב, משום דטריד: **ותנא מייתי לה מהכא**. כן דרך שיטת התלמוד, כשמתחילין האמוראין להוציא טעם מן המקרא, ויש תנא של ברייתא למד אותו ממקום אחר, נקט הכי, כלומר האמוראין למדוהו מכאן והתנא למד מכאן: **את אשר תאפו אפו**. הוה ליה למכתב היום אפו ובשלו, אלא רמז הוא שיש לך יום ששי שאין אופין לצורך מחר: **אלא על האפוי**. בחמישי בשבת: **אופין**. פת: **מבשלין**. תבשיל: **בין לאחד בין למאה**. די להם בכזית: **צריכים דעת**. שידעו שלהם כך נעשו, ורב הונא לא פירש דעת מי, ומפרשינן לה אנן, ואמרינן הא ודאי פשיטא לן דכי אמר רב הונא צריכים דעת דעתו דמניח מיהא בעי, דאיהו עדיף שעושהו לשם כך, מיהו מבעיא לן דעת מי שהניחו לצרכו, כגון דעשהו זה לצורך חברו, כלום צריך שימלך בו תחלה לעשותו על פיו:

## גמרא (ביצה דף טו ע"ב - טז ע"ב)

מַאי אִרְיָא מֵעֶרֶב יוֹם טוֹב, אֲפִילּוּ בְּיוֹם טוֹב נַמִּי. אֵין הָכִי נַמִּי, אֶלָּא גְּזֵרָה שֶׁמָּא יִפְשַׁע. וְתַנָּא מַיְיתִי לָהּ מֵהָכָא, (שם טז) 'אֵת אֲשֶׁר תֹּאפוּ אֵפוּ וְאֵת אֲשֶׁר תְּבַשְּׁלוּ בַּשֵּׁלוּ', מִכָּאן אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר, אֵין אוֹפִין אֶלָּא עַל הֶאָפוּי, וְאֵין מְבַשְּׁלִין אֶלָּא עַל הַמְבוּשָּׁל, מִכָּאן סָמְכוּ חֲכָמִים לְעֵרוּבֵי תַּבְשִׁילִין מִן הַתּוֹרָה. אָמַר רַבִּי אַבָּא אָמַר רַב, עֵרוּבֵי תַּבְשִׁילִין צְרִיכִין כְּזַיִת, בֵּין לְאֶחָד בֵּין לְמֵאָה. אָמַר רַב הוּנָא אָמַר רַב, עֵרוּבֵי תַבְשִׁילִין צְרִיכִין דַּעַת. פְּשִׁיטָא, דַּעַת מַנִּיחַ בְּעִינָן, דַּעַת מִי שֶׁהִנִּיחוּ לוֹ בְּעִינָן אוֹ לֹא בְּעִינָן. תָּא שְׁמַע, דַּאֲבוּהָ דִּשְׁמוּאֵל

## ביאור גמרא

שבת, **מַאי אִרְיָא מֵעֶרֶב יוֹם טוֹב** פארוואס דארף מען דעם עירוב תבשילין דוקא מאכן אין ערב יום טוב, **אֲפִילּוּ בְּיוֹם טוֹב נַמִּי** עס וואלט דאך אויך גענוג געווען ווען מען זאל מאכן דעם עירוב תבשילין אין יום טוב אליין, איידער ער גייט עסן די סעודת יום טוב, וועט ער אזוי געדענקען איבערצולאזן א שיינעם חלק אויך פאר שבת. ענטפערט די גמרא **אֵין הָכִי נַמִּי** דו ביסט טאקע גערעכט, עס וואלט גענוג געווען צו מאכן דעם עירוב תבשילין פאר די סעודת יום טוב, **אֶלָּא גְּזֵרָה שֶׁמָּא יִפְשַׁע** נאר מיר זענען גוזר, אז אין יום טוב איז דער מענטש פארנומען, וועט ער דעריין פארגעסן צו מאכן דעם עירוב תבשילין, דעריבער האט מען מתקן געווען מען זאל דעם עירוב תבשילין מאכן ערב יום טוב.

זאגט די גמרא **וְתַנָּא מַיְיתִי לָהּ מֵהָכָא** און דער תנא פון דער ברייתא לערנט ארויס וועגן עירוב תבשילין פון אן אנדערן פסוק (נישט צוליב די טעמים וואס די אמוראים האבן געזאגט), עס שטייט אין פסוק ביי דעם מן (שמות טז, כג) **'אֵת אֲשֶׁר תֹּאפוּ אֵפוּ וְאֵת אֲשֶׁר תְּבַשְּׁלוּ בַּשֵּׁלוּ'** וואס איר וועט וועלן באקן אויף שבת זאלט איר באקן אין ערב שבת, און וואס איר וועט וועלן קאכן אויף שבת זאלט איר קאכן אין ערב שבת, וואלט דאך געקענט שטיין אין פסוק, "היום אפו ובשלו" היינט אין ערב שבת זאלט איר באקן און קאכן פאר שבת, **מִכָּאן אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר** פון דעם האט רבי אלעזר געזאגט א רמז, אז עס וועט זיין אן ערב שבת, וואס מען וועט נישט טארן קאכן אדער באקן אויף צומארגנס (שבת), און דאס זענען די ימים טובים וואס פאלן אויס אין ערב שבת, וואס **אֵין אוֹפִין אֶלָּא עַל הֶאָפוּי** אז מען טאר נישט באקן אין יענעם ערב שבת, נאר אויב דאס איז א צולייג אויף דעם וואס מען האט שוין געבאקן פון דאנערשטאג, **וְאֵין מְבַשְּׁלִין אֶלָּא עַל הַמְבוּשָּׁל** און מען טאר נישט קאכן פאר שבת, נאר אויב מען וועט האבן אנגעהויבן צו קאכן פון דאנערשטאג, **מִכָּאן סָמְכוּ חֲכָמִים לְעֵרוּבֵי תַבְשִׁילִין מִן הַתּוֹרָה** פון דא האבן די חכמים געטראפן א רמז אויף דעם עירוב תבשילין פון דער תורה.

**אָמַר רַבִּי אַבָּא אָמַר רַב** האט רבי אבא געזאגט אין נאמען פון רב **עֵרוּבֵי תַבְשִׁילִין צְרִיכִין כְּזַיִת, בֵּין לְאֶחָד בֵּין לְמֵאָה** אן עירוב תבשילין דארף זיין פון א כזית, סיי עס איז פאר איין מענטש סיי פאר הונדערט מענטשן, און מען דארף נישט האבן פאר יעדן איינעם באזונדער א כזית **אָמַר רַב הוּנָא אָמַר רַב** האט רב הונא געזאגט אין נאמען פון רב **עֵרוּבֵי תַבְשִׁילִין צְרִיכִין דַּעַת** אן עירוב תבשילין דארף האבן אז מען זאל וויסן אז מען האט דאס אוועקגעלייגט פאר אן עירוב תבשילין, נאר רב הונא האט נישט מפרש געווען ווער עס דארף האבן דעת וועגן דעם עירוב תבשילין, גייט די גמרא פארטייטשן וועמענ'ס דעת דער עירוב תבשילין דארף האבן. זאגט די גמרא **פְּשִׁיטָא** דאס איז א זיכערע זאך **דַּעַת מַנִּיחַ בְּעִינָן** אז דער עירוב דארף האבן דעם דעת פון דעם מענטש וואס מאכט דעם עירוב, די שאלה איז נאר **דַּעַת מִי שֶׁהִנִּיחוּ לוֹ בְּעִינָן** צי דארף עס אויך האבן דעם דעת פון דעם מענטש פאר וועמען מען האט עס געמאכט, אז מען זאל אים פרעגן צי מען זאל מאכן דעם עירוב **אוֹ לֹא בְּעִינָן** אדער דארף מען נישט. זאגט די גמרא **תָּא שְׁמַע** קום און הער, איך וועל דיר די איבעיא פושט זיין, **דַּאֲבוּהָ דִּשְׁמוּאֵל**

## גמרא (ביצה דף טו ע״ב - טז ע״ב)

**מְעָרֵב אַכּוּלָּהּ נְהַרְדְּעָא.** רַבִּי אַמִּי וְרַבִּי אַסִּי מְעָרְבוּ אַכּוּלְּהוּ טְבֶרְיָא. מַכְרִיז רַבִּי יַעֲקֹב בַּר אִידִי, מִי שֶׁלֹּא הִנִּיחַ עֵרוּבֵי תַבְשִׁילִין, יָבֹא וְיִסְמוֹךְ עַל שֶׁלִּי. וְעַד כַּמָּה, אָמַר רַב נְחוּמִי בַּר זְכַרְיָה מִשְּׁמֵיהּ דְּאַבַּיֵי, עַד תְּחוּם שַׁבָּת. הַהוּא סַמְיָא דַּהֲוָה מְסַדֵּר מַתְנִיתָא קַמֵּיהּ דְּמַר שְׁמוּאֵל. חַזְיֵיהּ דַּהֲוָה עָצִיב, אָמַר לֵיהּ, אַמַּאי עֲצִיבַתְּ. אָמַר לֵיהּ דְּלָא אוֹתִיבֵי עֵרוּבֵי תַבְשִׁילִין. אָמַר לֵיהּ סְמוֹךְ אַדִּידִי. לְשָׁנָה, חַזְיֵיהּ דַּהֲוָה עָצִיב, אָמַר לֵיהּ, אַמַּאי עֲצִיבַתְּ, אָמַר לֵיהּ, דְּלָא אוֹתִיבֵי עֵרוּבֵי תַבְשִׁילִין. אָמַר לֵיהּ, פּוֹשֵׁעַ אַתְּ, לְכוּלֵּי עָלְמָא שָׁרֵי, לְדִידָךְ אָסוּר:

### רש״י

**עד תחום שבת.** ולעומדים חוץ לתחום לא היה דעתו של מניח עליהם, ולא עלו על לבו לזוכרן: **מסדר מתניתא.** שהיה יודע משניות בגרסא ומחזר עליהן לפני מר שמואל שהיו סדורות בפיו כעיקרן: **סמוך אדידי.** דמערבנא אכולה נהרדעא שהיא עירו: **לשנה.** לשנה אחרת, וראה השנה היה שאין יכול להניח ולהתנות: **לדידך אסור.** שאין דעתי על המזידין והפושעים שאינם חרדים לדברי חכמים:

### ביאור גמרא

**מְעָרֵב אַכּוּלָּהּ נְהַרְדְּעָא** ווייל דער פאטער פון שמואל האט געמאכט אן עירוב תבשילין פאר די גאנצע שטאט נהרדעא, **רַבִּי אַמִּי וְרַבִּי אַסִּי מְעָרְבוּ אַכּוּלְּהוּ טְבֶרְיָא** רבי אמי און רבי אסי פלעגן מאכן אן עירוב תבשילין פאר די גאנצע שטאט טבריא, און זיי זענען זיכער נישט געגאנגען פרעגן דעם דעת פון אלע מענטשן אין שטאט, איז פון דעם א ראיה אז מען דארף נאר האבן דעם דעת פון דעם מענטש וואס לייגט דעם עירוב.

זאגט די גמרא **מַכְרִיז רַבִּי יַעֲקֹב בַּר אִידִי** רבי יעקב בר אידי האט אויסגערופן **מִי שֶׁלֹּא הִנִּיחַ עֵרוּבֵי תַבְשִׁילִין** ווער עס האט נישט געלייגט אן עירוב תבשילין אין ערב יום טוב **יָבֹא וְיִסְמוֹךְ עַל שֶׁלִּי** קען ער זיך קומען פארלאזן אויף מיין עירוב תבשילין, ווייל רבי יעקב האט אינזינען געהאט אז דער עירוב זאל זיין פאר אלע מענטשן. פרעגט די גמרא **וְעַד כַּמָּה** און ביז וויפיל מענטשן האט רבי יעקב אינזינען געהאט אויף זיין עירוב. ענטפערט די גמרא **אָמַר רַב נְחוּמִי בַּר זְכַרְיָה מִשְּׁמֵיהּ דְּאַבַּיֵי** האט רב נחומי בר זכריה געזאגט אין נאמען פון אביי **עַד תְּחוּם שַׁבָּת** פאר די אלע מענטשן וואס וואוינען ביז צום תחום שבת פון שטאט, אבער פאר די מענטשן וואס וואוינען ווייטער ווי דעם תחום שבת האט ער נישט אינזינען געהאט, ממילא איז פאר זיי נישט געמאכט דער עירוב תבשילין.

דערציילט די גמרא **הַהוּא סַמְיָא** עס איז געווען א בלינדער מענטש **דַּהֲוָה מְסַדֵּר מַתְנִיתָא קַמֵּיהּ דְּמַר שְׁמוּאֵל** וואס ער פלעגט זאגן ברייתות פאר מר שמואל, ווייל ער האט גוט געדענקט די ברייתות, **חַזְיֵיהּ** האט מר שמואל געזען **דַּהֲוָה עָצִיב** אז דער בלינדער איז צוגעלייגט (טרויעריג), **אָמַר לֵיהּ** האט מר שמואל אים געזאגט **אַמַּאי עֲצִיבַתְּ** פארוואס ביסטו טרויעריג, **אָמַר לֵיהּ** האט אים דער בלינדער געזאגט **דְּלָא אוֹתִיבֵי עֵרוּבֵי תַבְשִׁילִין** ווייל איך האב נישט געמאכט אן עירוב תבשילין ערב יום טוב, וועל איך נישט טארן קאכן פון יום טוב אויף שבת, **אָמַר לֵיהּ** האט אים מר שמואל געזאגט **סְמוֹךְ אַדִּידִי** קענסט זיך פארלאזן אויף מיין עירוב תבשילין, ווייל איך מאך דעם עירוב תבשילין פאר די גאנצע שטאט נהרדעא, **לְשָׁנָה** אין דעם קומענדיגן יאר **חַזְיֵיהּ** האט מר שמואל ווידער געזען **דַּהֲוָה עָצִיב** אז דער בלינדער איז טרויעריג, **אָמַר לֵיהּ** האט אים מר שמואל געזאגט **אַמַּאי עֲצִיבַתְּ** פארוואס ביסטו טרויעריג, **אָמַר לֵיהּ** האט אים דער בלינדער געזאגט **דְּלָא אוֹתִיבֵי עֵרוּבֵי תַבְשִׁילִין** ווייל איך האב נישט געמאכט אן עירוב תבשילין, **אָמַר לֵיהּ** האט אים מר שמואל געזאגט **פּוֹשֵׁעַ אַתְּ** יעצט ביסטו א שולדיגער, וואס דו האסט נישט געמאכט אן עירוב תבשילין, דעריבער **לְכוּלֵּי עָלְמָא שָׁרֵי** די גאנצע שטאט נהרדעא מעג קאכן פון פרייטאג אויף שבת און זיך פארלאזן אויף מיין עירוב תבשילין, **לְדִידָךְ אָסוּר** און פאר דיר איז אסור זיך סומך צו זיין אויף מיין עירוב תבשילין, ווייל ווען איך מאך דעם עירוב תבשילין טראכט איך נישט מוציא צו זיין אזעלכע מענטשן וואס זענען פושעים, און זיי טראכטן נישט מקיים צו זיין די רייד פון די חכמים אז מען דארף מאכן אן עירוב תבשילין אויב מען וויל קאכן פון יום טוב אויף שבת.

## זוהר

ת״ת דאצילות יוד הא ואו הא

## זוהר (ויקרא דף ט״ז ע״ב)

**פָּתַח וְאָמַר,** (משלי טז) **אִישׁ תַּהְפּוּכוֹת יְשַׁלַּח מָדוֹן וְנִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף. אִישׁ תַּהְפּוּכוֹת יְשַׁלַּח מָדוֹן,**

### ביאור זוהר

**פָּתַח רַבִּי שִׁמְעוֹן וְאָמַר** (משלי טז) **אִישׁ תַּהְפּוּכוֹת יְשַׁלַּח מָדוֹן וְנִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף.** פֵּרוּשׁ הַפָּסוּק, אִישׁ תַּהְפּוּכוֹת, הַמְהַפֵּךְ דְּבַר אֱמֶת, יְשַׁלַּח מָדוֹן, הַיְינוּ שֶׁהוּא מְגָרֶה מְרִיבָה בֵּין הַבְּרִיּוֹת, וְנִרְגָּן, הַיְינוּ מִתְלוֹנֵן וּמְעוֹרֵר תְּלוּנוֹת וְהוֹלֵךְ רָכִיל,

## זוהר (ויקרא דף ט״ז ע״ב)

כְּמָה דַּאֲמָרָן חַיָּבַיָּא עָבְדֵי פְּגִימוּ לְעֵילָּא. וְנִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף, מַפְרִיד אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, וְדָא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא.

**דָּבָר** אַחֵר אִישׁ תַּהְפֻּכוֹת יְשַׁלַּח מָדוֹן. מַהוּ יְשַׁלַּח. יְשַׁלַּח לְאִנּוּן נְטִיעָן, מָדוֹן, דִּינָקָן מִסִּטְרָא דְּדִינָא. וְנִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף, כְּמָה דַּאֲמָרָן חַיָּבַיָּא עָבְדִין פְּגִימוּ לְעֵילָּא, מַפְרִיד, דְּיִחוּדָא לָא יִשְׁתַּכַּח. מַפְרִיד לְמַטְרוֹנִיתָא מִמַּלְכָּא, וּלְמַלְכָּא מִמַּטְרוֹנִיתָא. וּבְגִין כָּךְ לָא אִקְרֵי אֶחָד, דְּאֶחָד לָא אִקְרֵי אֶלָּא כַּד אִנּוּן בְּזִוּוּגָא חֲדָא. וַוי לְאִנּוּן חַיָּבַיָּא דְּעָבְדִין פֵּרוּדָא לְעֵילָּא.

**זַכָּאִין** אִנּוּן צַדִּיקַיָּא דְּאִנּוּן מְקַיְּמָן קִיּוּמָא דִּלְעֵילָּא, וְזַכָּאִין אִנּוּן מָארֵיהוֹן דִּתְשׁוּבָה דְּתַיְבִין כֹּלָּא לְאַתְרַיְהוּ. וְעַל דָּא תָּנִינָן, אֲתַר דְּבַעֲלֵי תְשׁוּבָה יָתְבֵי, צַדִּיקִים גְּמוּרִים לָא יָתְבֵי בֵּיהּ.

**מַאי** טַעֲמָא, אֶלָּא אִנּוּן אִתְתַּקְנוּ בַּאֲתַר עִלָּאָה, בַּאֲתַר דְּשַׁקְיוּ דְּגִנְּתָא מִשְׁתַּכַּח מִתַּמָּן, וְדָא הוּא תְּשׁוּבָה, וְעַל דָּא אִקְרוּן בַּעֲלֵי תְשׁוּבָה. וְאִלֵּין אִתְתַּקְנוּ בַּאֲתַר אָחֳרָא דְּאִקְרֵי צַדִּיק.

**וְעַל** דָּא אִלֵּין יָתְבִין בַּאֲתַר עִלָּאָה, וְאִלֵּין יָתְבִין בַּאֲתַר זוּטְרָא, מַאי טַעֲמָא, אִלֵּין תַּיְבִין מַיָּא לְאַתְרַיְהוּ מֵאֲתַר עִלָּאָה דְּנַהֲרָא עֲמִיקָא, עַד הַהוּא אֲתַר דְּאִקְרֵי צַדִּיק. וְצַדִּיקִים גְּמוּרִים נָגְדִין לוֹן מֵהַהוּא אֲתַר דְּאִנּוּן יָתְבֵי, לְהַאי עָלְמָא, וְעַל דָּא אִלֵּין עִלָּאִין וְאִלֵּין תַּתָּאִין. זַכָּאָה חוּלָקֵיהוֹן דְּמָארֵי תְשׁוּבָה, וְזַכָּאָה חוּלָקֵיהוֹן דְּצַדִּיקַיָּא, דִּבְגִינֵיהוֹן עָלְמָא מִתְקַיְּמָא.

**הָדָא** הוּא דִּכְתִיב (ויקרא ה) וְהָיָה כִּי יֶחֱטָא וְאָשֵׁם וְגוֹ', מַה כְּתִיב לְעֵילָּא אוֹ מָצָא

### ביאור זוהר

מַפְרִיד מִמֶּנּוּ הָאַלּוּף. **אִישׁ תַּהְפֻּכוֹת יְשַׁלַּח מָדוֹן, כְּמָה דַּאֲמָרָן חַיָּבַיָּא עָבְדֵי פְּגִימוּ לְעֵילָּא.** כְּמוֹ שֶׁאָמַרְנוּ, הָרְשָׁעִים עוֹשִׂים פְּגַם וְחִסָּרוֹן לְמַעְלָה. **וְנִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף, מַפְרִיד אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, וְדָא קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא.** וְזֶהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁהוּא אַלּוּפוֹ וּמְלַמְּדוֹ שֶׁל עוֹלָם, וְהַיְנוּ שֶׁמַּפְרִיד הַיִּחוּד וְעַל יְדֵי זֶה מְסַלֵּק הַשְׁגָּחָתוֹ מִן הָעוֹלָם.

**דָּבָר אַחֵר אִישׁ תַּהְפֻּכוֹת יְשַׁלַּח מָדוֹן. מַהוּ יְשַׁלַּח. יְשַׁלַּח לְאִנּוּן נְטִיעָן,** יְשַׁלַּח לְאוֹתָם הַנְּטִיעוֹת שֶׁהֵם שֵׁשׁ קְצָווֹת וְיַרְחִיקֵם מִמְּקוֹרָם שֶׁיּוֹנְקִים מֵהָרַחֲמִים, **מָדוֹן, דִּינָקָן מִסִּטְרָא דְּדִינָא.** מָדוֹן, הַיְנוּ שֶׁגּוֹרֵם לָהֶם שֶׁיּוֹנְקִים מִצַּד הַדִּין. **וְנִרְגָּן מַפְרִיד אַלּוּף, כְּמָה דַּאֲמָרָן חַיָּבַיָּא עָבְדִין פְּגִימוּ לְעֵילָּא,** כְּמוֹ שֶׁאָמַרְנוּ, שֶׁהָרְשָׁעִים עוֹשִׂים פְּגַם וְחִסָּרוֹן לְמַעְלָה, **מַפְרִיד, דְּיִחוּדָא לָא יִשְׁתַּכַּח.** מַפְרִיד, שֶׁלֹּא יִמָּצֵא הַיִּחוּד. **מַפְרִיד לְמַטְרוֹנִיתָא מִמַּלְכָּא, וּלְמַלְכָּא מִמַּטְרוֹנִיתָא.** מַפְרִיד הַמַּלְכָּה מִן הַמֶּלֶךְ, וְהַמֶּלֶךְ מִן הַמַּלְכָּה. **וּבְגִין כָּךְ לָא אִקְרֵי אֶחָד, דְּאֶחָד לָא אִקְרֵי אֶלָּא כַּד אִנּוּן בְּזִוּוּגָא חֲדָא.** וּמִפְּנֵי כָּךְ לֹא נִקְרָא אֶחָד, שֶׁאֶחָד לֹא נִקְרָא רַק כַּאֲשֶׁר הֵם בְּחִבּוּר אֶחָד. **וַוי לְאִנּוּן חַיָּבַיָּא דְּעָבְדִין פֵּרוּדָא לְעֵילָּא.** אוֹי לְאוֹתָם הָרְשָׁעִים שֶׁעוֹשִׂים פֵּרוּד לְמַעְלָה.

**זַכָּאִין אִנּוּן צַדִּיקַיָּא דְּאִנּוּן מְקַיְּמָן קִיּוּמָא דִּלְעֵילָּא,** אַשְׁרֵיהֶם הַצַּדִּיקִים שֶׁהֵם מַעֲמִידִים קִיּוּם הָעֶלְיוֹן שֶׁמַּעֲמִידִים הַסְּפִירוֹת בְּקִיּוּמָם כָּרָאוּי לָהֶם, **וְזַכָּאִין אִנּוּן מָארֵיהוֹן דִּתְשׁוּבָה דְּתַיְבִין כֹּלָּא לְאַתְרַיְהוּ.** וְאַשְׁרֵיהֶם בַּעֲלֵי הַתְּשׁוּבָה, שֶׁמְּשִׁיבִים הַכֹּל לִמְקוֹמָם. **וְעַל דָּא תָּנִינָן, אֲתַר דְּבַעֲלֵי תְשׁוּבָה יָתְבֵי, צַדִּיקִים גְּמוּרִים לָא יָתְבֵי בֵּיהּ,** וְעַל זֶה לָמַדְנוּ מָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְשׁוּבָה יוֹשְׁבִים, צַדִּיקִים גְּמוּרִים אֵינָם יוֹשְׁבִים בּוֹ.

**מַאי טַעֲמָא, אֶלָּא אִנּוּן אִתְתַּקְנוּ בַּאֲתַר עִלָּאָה, בַּאֲתַר דְּשַׁקְיוּ דְּגִנְּתָא מִשְׁתַּכַּח מִתַּמָּן,** מַה הַטַּעַם, רַק הֵם נִתְקְנוּ בְּמָקוֹם עֶלְיוֹן בַּבִּינָה, בְּמָקוֹם שֶׁשִּׁקּוּי הַגַּן יוֹצֵא מִשָּׁם, **וְדָא הוּא תְּשׁוּבָה, וְעַל דָּא אִקְרוּן בַּעֲלֵי תְשׁוּבָה.** וְזֶהוּ תְּשׁוּבָה כִּי בִּינָה נִקְרֵאת תְּשׁוּבָה, וְלָכֵן נִקְרְאוּ בַּעֲלֵי תְשׁוּבָה. **וְאִלֵּין אִתְתַּקְנוּ בַּאֲתַר אָחֳרָא דְּאִקְרֵי צַדִּיק,** וְאֵלּוּ הַצַּדִּיקִים נִתְקְנוּ בְּמָקוֹם אַחֵר שֶׁנִּקְרָא צַדִּיק בְּמִדַּת הַיְסוֹד.

**וְעַל דָּא אִלֵּין יָתְבִין בַּאֲתַר עִלָּאָה, וְאִלֵּין יָתְבִין בַּאֲתַר זוּטְרָא,** וְלָכֵן, אֵלּוּ בַּעֲלֵי תְשׁוּבָה יוֹשְׁבִים בְּמָקוֹם עֶלְיוֹן בַּבִּינָה, וְאֵלּוּ הַצַּדִּיקִים יוֹשְׁבִים בְּמָקוֹם קָטָן מִזֶּה, **מַאי טַעֲמָא, אִלֵּין תַּיְבִין מַיָּא לְאַתְרַיְהוּ מֵאֲתַר עִלָּאָה דְּנַהֲרָא עֲמִיקָא, עַד הַהוּא אֲתַר דְּאִקְרֵי צַדִּיק.** מַה הַטַּעַם, כִּי אֵלּוּ מַחֲזִירִים הַמַּיִם הַשֶּׁפַע לִמְקוֹמָם מִמָּקוֹם עֶלְיוֹן שֶׁל נָהָר הֶעָמוֹק בִּינָה, עַד אוֹתוֹ הַמָּקוֹם הַנִּקְרָא צַדִּיק יְסוֹד. **וְצַדִּיקִים גְּמוּרִים נָגְדִין לוֹן מֵהַהוּא אֲתַר דְּאִנּוּן יָתְבֵי, לְהַאי עָלְמָא, וְעַל דָּא אִלֵּין עִלָּאִין וְאִלֵּין תַּתָּאִין.** וְצַדִּיקִים גְּמוּרִים מַמְשִׁיכִים אוֹתָם מִמָּקוֹם הַהוּא שֶׁהֵם יוֹשְׁבִים בּוֹ, לָזֶה הָעוֹלָם שֶׁמַּמְשִׁיכִים מִיְּסוֹד עַד הַמַּלְכוּת, וּמִשָּׁם לָעוֹלָם הַזֶּה, וְלָכֵן, אֵלּוּ עֶלְיוֹנִים, וְאֵלּוּ תַּחְתּוֹנִים מֵהֶם. **זַכָּאָה חוּלָקֵיהוֹן דְּמָארֵי תְשׁוּבָה, וְזַכָּאָה חוּלָקֵיהוֹן דְּצַדִּיקַיָּא, דִּבְגִינֵיהוֹן עָלְמָא מִתְקַיְּמָא.** אַשְׁרֵי חֶלְקָם שֶׁל בַּעֲלֵי הַתְּשׁוּבָה, וְאַשְׁרֵי חֶלְקָם שֶׁל הַצַּדִּיקִים, שֶׁבִּשְׁבִילָם הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם.

**הָדָא הוּא דִּכְתִיב** זֶה הוּא שֶׁנֶּאֱמַר (ויקרא ה) **וְהָיָה כִּי יֶחֱטָא וְאָשֵׁם וְגוֹ', מַה כְּתִיב לְעֵילָּא** מַה כָּתוּב לְמַעְלָה **אוֹ מָצָא**

## זוהר (ויקרא דף ט״ז ע״ב)

אֲבֵדָה וְכִחֶשׁ בָּהּ וְגוֹ׳, דְּהָא בְּגִין דָּא אִסְתְּלַק קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מִכֹּלָּא, כִּבְיָכוֹל קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לָא אִשְׁתְּכַח בְּקִיּוּמֵיהּ, דְּהָא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל אִתְפָּרְשָׁא מֵאַתְרָהָא, הֲדָא הוּא דִּכְתִיב (ירמיה ז) אָבְדָה הָאֱמוּנָה, מַאי אֱמוּנָה דָּא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר (תהלים צב) וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת. אָבְדָה הָאֱמוּנָה, כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר (ירמיה ט) עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ, וְכֹלָּא חַד.

וְהָא אוֹקִימְנָא אָבְדָה, וְלָא נֶאֶבְדֶת וְלָא אֲבוּדָה. כְּגַוְנָא דָּא (ישעיה נז) הַצַּדִּיק אָבַד, אָבוּד אוֹ נֶאֱבַד לָא כְּתִיב, אֶלָּא אָבַד. הֲדָא הוּא דִּכְתִיב (ירמיה ז) אָבְדָה הָאֱמוּנָה, בְּגִין כָּךְ וְהֵשִׁיב אֶת הַגְּזֵלָה אוֹ אֶת הָאֲבֵדָה וְגוֹ׳:

### ביאור זוהר

אֲבֵדָה וְכִחֶשׁ בָּהּ וְגוֹ׳, דְּהָא בְּגִין דָּא אִסְתְּלַק קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מִכֹּלָּא, שֶׁהֲרֵי מִפְּנֵי זֶה שֶׁחָטָא, נִסְתַּלֵּק הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִכֹּל שֶׁגָּרַם פְּגַם בְּכָל הַשֶּׁבַע סְפִירוֹת, כִּבְיָכוֹל קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לָא אִשְׁתְּכַח בְּקִיּוּמֵיהּ, כִּבְיָכוֹל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לֹא נִמְצָא בְּמַעֲמָדוֹ, הַיְינוּ שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהַשְׁפִּיעַ לַתַּחְתּוֹנִים מֵחֲמַת זֶה שֶׁגָּרַם פֵּרוּד בַּעֲווֹנוֹתָיו, דְּהָא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל אִתְפָּרְשָׁא מֵאַתְרָהָא, שֶׁהֲרֵי כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל מִדַּת הַמַּלְכוּת נִפְרְדָה מִמְּקוֹמָהּ, הֲדָא הוּא דִּכְתִיב וְזֶה הוּא שֶׁנֶּאֱמַר (ירמיה ז) אָבְדָה הָאֱמוּנָה, מַאי אֱמוּנָה, דָּא כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, אֱמוּנָה זוֹ הַמַּלְכוּת הַנִּקְרֵאת כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר (תהלים צב) וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת. וְהַמַּלְכוּת נִקְרֵאת לַיְלָה. אָבְדָה הָאֱמוּנָה, כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר (ירמיה ט) עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ, וְכֹלָּא חַד, אֶרֶץ הִיא גַּם כֵּן כִּנּוּי לְמַלְכוּת וְהַכֹּל אֶחָד.

וְהָא אוֹקִימְנָא אָבְדָה, וְלָא נֶאֶבְדֶת וְלָא אֲבוּדָה. וַהֲרֵי הֶעֱמַדְנוּ, שֶׁכָּתוּב אָבְדָה שֶׁהַכַּוָּנָה שֶׁהִיא אָבְדָה אֶת הַיִּחוּד בְּבֶן זוּגָהּ וְלֹא כָּתוּב נֶאֱבֶדֶת, וְלֹא אֲבוּדָה שֶׁהִיא אֵינָהּ אֲבוּדָה, רַק אָבְדָה אֶת הַיִּחוּד בְּבֶן זוּגָהּ. כְּגַוְנָא דָּא כְּעֵין זֶה (ישעיה נז) הַצַּדִּיק אָבַד, אָבוּד אוֹ נֶאֱבַד לָא כְּתִיב, אֶלָּא אָבַד, שֶׁהוּא אֵינוֹ אָבוּד, רַק נִפְרַד מִן הָעוֹלָם לְעוֹלָם אַחֵר. הֲדָא הוּא דִּכְתִיב זֶה הוּא שֶׁנֶּאֱמַר (ירמיה ז) אָבְדָה הָאֱמוּנָה, בְּגִין כָּךְ מִפְּנֵי כָּךְ נֶאֱמַר בְּבַעַל תְּשׁוּבָה וְהֵשִׁיב אֶת הַגְּזֵלָה שֶׁיָּשִׁיב הַכֹּל לִמְקוֹמָם לְהַמְשִׁיךְ שֶׁפַע, אוֹ אֶת הָאֲבֵדָה וְגוֹ׳ שֶׁיַּחֲזֹר הַיִּחוּד לִמְקוֹמוֹ:

## יוסף לחק

### הלכה

## הלכה (רמב״ם, הלכות ברכות פרק ג)

א. אֹרֶז שֶׁבִּשְּׁלוֹ אוֹ שֶׁעָשָׂה מִמֶּנּוּ פַּת בַּתְּחִלָּה מְבָרֵךְ עָלָיו בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת וּלְבַסּוֹף בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת, וּבִלְבַד שֶׁלֹּא יְהֵא מְעֹרָב עִם דָּבָר אַחֵר אֶלָּא אֹרֶז לְבַדּוֹ, אֲבָל פַּת דֹּחַן אוֹ פַּת שֶׁל שְׁאָר מִינֵי קִטְנִית בַּתְּחִלָּה מְבָרֵךְ שֶׁהַכֹּל וּלְבַסּוֹף בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת רַבּוֹת.

ב. כָּל שֶׁמְּבָרְכִין עָלָיו בַּתְּחִלָּה הַמּוֹצִיא מְבָרְכִין לְאַחֲרָיו בְּסוֹף בִּרְכַּת הַמָּזוֹן כְּסִדְרָהּ אַרְבַּע בְּרָכוֹת, וְכָל שֶׁמְּבָרְכִין עָלָיו בַּתְּחִלָּה בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת מְבָרְכִין בַּסּוֹף לְאַחֲרָיו בְּרָכָה אַחַת מֵעֵין שָׁלֹשׁ חוּץ מִן הָאֹרֶז.

### ביאור הלכה

א. אֹרֶז שֶׁבִּשְּׁלוֹ אויב מען האט געקאכט רייז און ער האט עס אזוי געגעסן אוֹ שֶׁעָשָׂה מִמֶּנּוּ פַּת אדער מען האט די רייז געמאלן אויף מעל און פון די מעל האט מען געבאקן ברויט בַּתְּחִלָּה מְבָרֵךְ עָלָיו בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת זאל מען פאר דעם עסן מאכן אויף דעם די ברכה ׳בורא מיני מזונות׳ וּלְבַסּוֹף בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת און נאך דעם עסן זאל מען מאכן די ברכה ׳בורא נפשות׳, וּבִלְבַד שֶׁלֹּא יְהֵא מְעֹרָב עִם דָּבָר אַחֵר אֶלָּא אֹרֶז לְבַדּוֹ דער דין איז אזוי נאר אויב דאס געקעכץ אדער די ברויט איז נאר פון רייז אליין און אין דעם איז נישט אריינגעמישט קיין אנדערע זאך און אויב יא זאל מען מאכן א ׳שהכל׳. אֲבָל פַּת דֹּחַן אוֹ פַּת שֶׁל שְׁאָר מִינֵי קִטְנִית אבער אויב מען האט געמאלן הירז אדער אנדערע סארט ארבעס אדער בונדלעך און ער האט פון די מעל געמאכט ברויט בַּתְּחִלָּה מְבָרֵךְ שֶׁהַכֹּל פאר דעם עסן זאל ער מאכן אויף דעם די ברכה ׳שהכל׳ וּלְבַסּוֹף בּוֹרֵא נְפָשׁוֹת רַבּוֹת און נאך דעם עסן זאל ער מאכן די ברכה ׳בורא נפשות רבות׳:

ב. כָּל שֶׁמְּבָרְכִין עָלָיו בַּתְּחִלָּה הַמּוֹצִיא דאס איז דער כלל, די זאכן וואס מען מאכט אויף זיי פאר דעם עסן די ברכה ׳המוציא׳ מְבָרְכִין לְאַחֲרָיו בְּסוֹף בִּרְכַּת הַמָּזוֹן כְּסִדְרָהּ אַרְבַּע בְּרָכוֹת זאל מען נאכן עסן בענטשן די פיר ברכות כסדר, [הזן את הכל, על הארץ ועל המזון, בונה ירושלים, און הטוב והמטיב], וְכָל שֶׁמְּבָרְכִין עָלָיו בַּתְּחִלָּה בּוֹרֵא מִינֵי מְזוֹנוֹת און אויף די זאכן וואס פאר דעם עסן מאכט מען אויף זיי די ברכה ׳בורא מיני מזונות׳ מְבָרְכִין בַּסּוֹף לְאַחֲרָיו בְּרָכָה אַחַת מֵעֵין שָׁלֹשׁ דארף מען נאכן עסן זאגן די ברכה ׳על המחיה׳ וואס זי איז די ערשטע דריי ברכות אין קורצן חוּץ מִן הָאֹרֶז אויסער אויב ער עסט

## הלכה (רמב"ם, הלכות ברכות פרק ג)

**ג.** בַּמֶּה דְּבָרִים אֲמוּרִים שֶׁאָכַל מִכְּזַיִת וּלְמַעְלָה, אֲבָל אָכַל פָּחוֹת מִכְּזַיִת בֵּין מִן הַפַּת בֵּין מִשְּׁאָר אוֹכְלִין, וְהַשּׁוֹתֶה פָּחוֹת מֵרְבִיעִית בֵּין מִן הַיַּיִן בֵּין מִשְּׁאָר מַשְׁקִין, מְבָרֵךְ בַּתְּחִלָּה בְּרָכָה הָרְאוּיָה לְאוֹתוֹ הַמִּין וּלְבַסּוֹף אֵינוֹ מְבָרֵךְ כְּלָל.

### ביאור הלכה

רייז, אדער ער עסט ברויט פון רייז-מעל, וואס כאטש אז פאר דעם עסן דארף ער זאגן די ברכה 'בורא מיני מזונות', פונדעסטוועגן נאכן עסן דארף ער זאגן די ברכה 'בורא נפשות רבות':

**ג. בַּמֶּה דְּבָרִים אֲמוּרִים** ווען איז דאס געזאגט געווארן אז אויב ער האט געמאכט א ברכה אויף אן עסנווארג פארן עסן, דארף ער מאכן א ברכה אויך נאכן עסן **שֶׁאָכַל מִכְּזַיִת וּלְמַעְלָה** דאס איז נאר אויב ער האט געגעסן פון די עסנווארג א שיעור גרויס ווי אן איילבירט, **אֲבָל אָכַל פָּחוֹת מִכְּזַיִת** אבער אויב ער האט געגעסן ווייניגער ווי די גרויס פון אן איילבירט **בֵּין מִן הַפַּת** סיי ער האט געגעסן ברויט ווייניגער ווי די גרויס פון אן איילבירט **בֵּין מִשְּׁאָר אוֹכְלִין** און סיי אויב ער האט געגעסן אנדערע סארט עסנווארג ווייניגער ווי די גרויס פון אן איילבירט, **וְהַשּׁוֹתֶה פָּחוֹת מֵרְבִיעִית** אדער ער האט געטרינקען ווייניגער ווי א פערטל לוג **בֵּין מִן הַיַּיִן בֵּין מִשְּׁאָר מַשְׁקִין** סיי פון וויין סיי פון אנדערע געטראנקען **מְבָרֵךְ בַּתְּחִלָּה בְּרָכָה הָרְאוּיָה לְאוֹתוֹ הַמִּין** דארף מען פאר דעם עסן אדער טרינקען מאכן די ברכה וואס מען דארף זאגן אויף דעם סארט עסן אדער געטראנק, ווייל מען טאר נישט געניסן פון די וועלט אן א ברכה, **וּלְבַסּוֹף אֵינוֹ מְבָרֵךְ כְּלָל** אבער נאכן עסן אדער טרינקען זאל מען נישט זאגן קיין נאך-ברכה:

### מוסר

## מוסר (ספר חסידים סימן רטז-ריח)

**אִם** רָאִיתָ רָשָׁע עָשִׁיר שֶׁמִּתְחַתְּנִים בּוֹ גְּדוֹלִים, דַּע לְךָ כִּי הָעֹשֶׁר לֹא בָּא לְיָדוֹ, אֶלָּא שֶׁיָּדַע הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִם לֹא יִהְיֶה לוֹ עֹשֶׁר לֹא יִתְחַתֵּן בּוֹ, לְכָךְ הִקְדִּים וְנָתַן לוֹ הָעֹשֶׁר, לֹא בַּעֲבוּר זְכוּתוֹ מִתְחַתְּנִים בּוֹ, אֶלָּא עֲבוּר זְכֻיּוֹת אֲבוֹתָיו וְאִמּוֹתָיו, אוֹ שֶׁהָיוּ מְבַזִּים אוֹתוֹ קֹדֶם לָכֵן.

**מִדָּה** בְּמִדָּה לֹא בָטְלָה, (בראשית יח טו) 'וַתְּכַחֵשׁ שָׂרָה לֵאמֹר לֹא צָחַקְתִּי כִּי יָרֵאָה', לְפִי שֶׁכִּזְּבָה עַל יְדֵי יִצְחָק לְפִיכָךְ מֵתָה עַל יְדֵי יִצְחָק בַּעֲקֵדָתוֹ.

### ביאור מוסר

**אִם רָאִיתָ רָשָׁע עָשִׁיר שֶׁמִּתְחַתְּנִים בּוֹ גְּדוֹלִים** אויב דו האסט געזען א רייכן רשע און גרויסע צדיקים און ערליכע לייט זענען זיך משדך מיט אים **דַּע לְךָ כִּי הָעֹשֶׁר לֹא בָּא לְיָדוֹ** זאלסטו וויסן אז השי"ת האט אים רייך געמאכט נאר וועגן די שידוכים **אֶלָּא שֶׁיָּדַע הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אִם לֹא יִהְיֶה לוֹ עֹשֶׁר לֹא יִתְחַתֵּן בּוֹ** ווייל הקב"ה האט געוואוסט אז אויב דער רשע וועט נישט זיין רייך וועלן די שידוכים נישט ווערן און די גרויסע לייט וועלן זיך נישט משדך זיין מיט אים, **לְכָךְ הִקְדִּים וְנָתַן לוֹ הָעֹשֶׁר** דעריבער האט השי"ת אים פריער געגעבן די רייכקייט אז די גרויסע לייט זאלן זיך וועלן משדך זיין מיט אים **לֹא בַּעֲבוּר זְכוּתוֹ מִתְחַתְּנִים בּוֹ** און נישט וועגן זיין זכות איז מען זיך משדך מיט אים **אֶלָּא עֲבוּר זְכֻיּוֹת אֲבוֹתָיו וְאִמּוֹתָיו** נאר אין דעם זכות פון זיינע עלטערן וואס זענען געווען צדיקים **אוֹ שֶׁהָיוּ מְבַזִּים אוֹתוֹ קֹדֶם לָכֵן** אדער צוליב דעם ווייל די מענטשן האבן אים אמאל פארשעמט, און דעריבער איז נגזר געווארן אויף זיי אז זיי מוזן זיך משדך זיין מיט אים און ווערן זיין מחותן, און כדי דער גדול זאל צושטימען זיך צו משדך זיין מיט אים דעריבער האט מען אים געגעבן רייכקייט:

**מִדָּה בְּמִדָּה לֹא בָטְלָה** דאס וואס דער אויבערשטער פירט זיך מיט דעם מענטש א מאס קעגן א מאס איז נישט בטל געווארן, און אזויווי איינער זינדיגט אזוי שטראפט אים הקב"ה, און אזויווי איינער טוט מעשים טובים אזוי באצאלט אים הקב"ה, [אבער אנדערע מדות זענען יא בטל געווארן (בר"ר ט יא)], און אזוי געפינען מיר ווען דער מלאך האט אנגעזאגט אברהם אבינו די בשורה אז עס וועט ביי אים געבוירן ווערן א זון, האט שרה געלאכט און געזאגט 'אחרי בלותי היתה לי עדנה ואדוני זקן' (בראשית יח יב) נאכדעם וואס איך בין אלט געווארן זאל איך צוריק יונג ווערן און צוריק באקומען מיין צייט פון נדה, און מיין מאן איז שוין אלט, און ווען השי"ת האט געפרעגט ביי אברהם אבינו 'פארוואס האט שרה געלאכט' (שם יג), שטייט אין פסוק '**וַתְּכַחֵשׁ שָׂרָה לֵאמֹר לֹא צָחַקְתִּי כִּי יָרֵאָה**' (שם טו) און שרה האט געלייקנט און האט געזאגט איך האב נישט געשפעט, ווייל זי האט מורא געהאט, **לְפִי שֶׁכִּזְּבָה עַל יְדֵי יִצְחָק** און ווייל שרה האט געלייקנט ווען מען האט איר אנגעזאגט די בשורה אז יצחק וועט געבוירן ווערן **לְפִיכָךְ מֵתָה עַל יְדֵי יִצְחָק בַּעֲקֵדָתוֹ** דעריבער איז זי געשטארבן ווען מען האט געפירט יצחק צו די עקידה,

## מוסר (ספר חסידים סימן רטז-ריח)

**אִם** בָּא רְאוּבֵן לִידֵי צַעַר וְהִגִּיד צַעֲרוֹ לְשִׁמְעוֹן, וְשִׁמְעוֹן הִתְחַנֵּן עַל רְאוּבֵן כְּאִלּוּ הַצַּעַר עַל עַצְמוֹ, לְבַסּוֹף כְּשֶׁיָּבֹא עַל שִׁמְעוֹן שׁוּם צַעַר וְלֹא הִתְחַנֵּן רְאוּבֵן עַל שִׁמְעוֹן כְּמוֹ שִׁמְעוֹן עַל רְאוּבֵן, הֲרֵי כְּאִלּוּ גְּזָלוֹ שֶׁנֶּאֱמַר (ישעיה ג יד) 'גְּזֵלַת הֶעָנִי בְּבָתֵּיכֶם', וַאֲפִילּוּ אִם נוֹשַׁע שִׁמְעוֹן שֶׁנֶּאֱמַר (ויקרא יט יח) 'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ', וְאִם הִתְחַנֵּן עַל חֲבֵרוֹ אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא יוֹעִיל, כְּשֶׁיָּבֹא הוּא אוֹ זַרְעוֹ לְאוֹתוֹ צַעַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ זוֹכֵר מַה שֶּׁעָשָׂה לַחֲבֵרוֹ כְּשֶׁנַּעֲשָׂה לוֹ זֶה הַמְּאֹרָע, וּמוֹשִׁיעוֹ.

### ביאור מוסר

ווייל ווען זי האט געהערט אז מען האט גע'שחט'ן יצחק איז פון איר ארויסגעפלויגן די נשמה און זי איז געשטארבן (ראה פרקי דר"א פל"א), און דאס איז געווען מדה כנגד מדה אויף דעם וואס זי האט געלאכט ווען מען האט איר אנגעזאגט די בשורה אז יצחק וועט געבוירן ווערן:

**אִם בָּא רְאוּבֵן לִידֵי צַעַר וְהִגִּיד צַעֲרוֹ לְשִׁמְעוֹן** אויב ראובן האט געהאט א צער און ער האט דערציילט זיין צער צו שמעון **וְשִׁמְעוֹן הִתְחַנֵּן עַל רְאוּבֵן כְּאִלּוּ הַצַּעַר עַל עַצְמוֹ** און שמעון האט געבעטן ביי השי"ת ער זאל אים העלפן און עס זאל פון אים אפגעטון ווערן דער צער, גלייך ווי דער צער וואלט אים אליין געטראפן און עס וואלט געווען זיין אייגענער צער, **לְבַסּוֹף כְּשֶׁיָּבֹא עַל שִׁמְעוֹן שׁוּם צַעַר** נאכדעם אויב עס איז געשען פארקערט און אויף שמעון איז געקומען א צער **וְלֹא הִתְחַנֵּן רְאוּבֵן עַל שִׁמְעוֹן כְּמוֹ שִׁמְעוֹן עַל רְאוּבֵן** און ראובן האט נישט געבעטן ביי השי"ת פאר שמעון אזוי שטארק ווי שמעון האט געבעטן פאר ראובן ווען ער האט געהאט צער **הֲרֵי כְּאִלּוּ גְּזָלוֹ** איז דאס גלייך ווי ראובן וואלט גע'גזל'ט פון שמעון **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי ס'שטייט אין פסוק (ישעיה ג יד) '**גְּזֵלַת הֶעָנִי בְּבָתֵּיכֶם**' די גזילה פון דעם ארעמאן איז אין אייערע שטיבער, און די חז"ל (ברכות ו:) האבן גע'דרש'ענט פון דעם פסוק אז אויב דער חבר גיט אים שלום און ער ענטפערט אים נישט צוריק הייסט ער א גזלן, ווייל וואס איז דען דא ביי דעם ארעמאן צו גזל'ענען, נאר דאס איז די גזילה, ווייל ראובן האט נישט מתפלל געווען אויף די צרה פון שמעון גלייך ווי שמעון האט געבעטן ווען ראובן האט געהאט די צרה, איז דאס גלייך ווי ער האט פון אים גע'גזל'ט, **וַאֲפִילּוּ אִם נוֹשַׁע שִׁמְעוֹן** און אפילו שמעון איז שפעטער געהאלפן געווארן אן ראובן'ס תפלה, פונדעסטוועגן הייסט ראובן א גזלן **שֶׁנֶּאֱמַר** ווי ס'שטייט אין פסוק (ויקרא יט יח) '**וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ**' דו זאלסט ליב האבן דיין חבר אזויווי דו האסט ליב זיך אליין, און אזויווי ער האט געבעטן אויף דיר ווען דו ביסט געווען אין א צרה, אזוי דארפסטו אויך בעטן פאר אים ווען ער איז אין א צרה, **וְאִם הִתְחַנֵּן עַל חֲבֵרוֹ** און אויב ווען זיין חבר איז אין א צרה און ער בעט פאר זיינעט וועגן **אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא יוֹעִיל** כאטש זיין תפלה האט נישט געהאלפן **כְּשֶׁיָּבֹא הוּא אוֹ זַרְעוֹ לְאוֹתוֹ צַעַר** אבער אויב עס וועט אמאל קומען אויף אים אזא צרה, אדער זיינע קינדער וועלן קומען אמאל אין אזא צרה **הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ זוֹכֵר מַה שֶּׁעָשָׂה לַחֲבֵרוֹ כְּשֶׁנַּעֲשָׂה לוֹ זֶה הַמְּאֹרָע, וּמוֹשִׁיעוֹ** וועט הקב"ה אים געדענקען וואס ער האט געטון פאר זיין חבר ווען יענעם איז געשען די צרה, און הקב"ה וועט אים העלפן:

### כבוד שבת

**ונתנו ה' אלקיך בידיך.** (כא, י)

דער וועג ווי אזוי מ'קען מנצח זיין דעם יצה"ר, איז בידיך, דורך תפלות ותחנונים וועלכע מ'מאכט בפרישת כפים, ווי עס שטייט אין פסוק, נשא לבבינו אל "כפים".
(חלקת יהושע)

◇

**וחשקת בה.. והי' אם לא חפצת בה.** (כא, י-יד)

דער פסוק דריקט זיך דא אויס מיט צוויי לשונות "חשק" און "חפץ". דער כלל איז, אז חשק איז אויף א דבר רוחני (רק באבותיך חשק ה' נפשי חשקה בתורה), חפץ איז אויף א דבר גשמי (אם חפץ בה המלך).

דער פרואוו צו וויסן צי דאס איז א רוחניות'דיגע אדער גשמיות'דיגע גלוסטעניש איז ווי אפעטיטליך דאס איז. א זאך וואס מ'גליסט צו שטארק, מ'האט נישט די צייט איבערצוקלערן, איז דאס גשמיות. חמור דער טאטע פון שכם האט געזאגט שכם בני "חשקה" נפשו, ווי גלייך דאס איז רוחניות. רש"י זאגט דארט אויפ'ן ארט, חפצה, אז דאס איז א גשמיות'דיגע גלוסטעניש, ווי דער פסוק פירט אויס ולא אחר הנער לעשות אותו, ער האט זיך נישט פארזוימט, כי "חפץ" בבת יעקב, ווייל דאס איז געווען א גשמיות'דיגע גלוסטעניש.

דאס זאגט דער פסוק, וחשקת בה, דו וועסט קלערן אז דאס איז א רוחניות'דיגע גלוסטונג. אייל דיך נישט. מיט די צייט וועסטו איינזען והי' אם לא "חפצת" בה, אז דאס איז בלויז געווען א גשמיות'דיגע גלוסטונג.
(המגיד מדובנא ז"ל)

## פניני אור החיים

**וְאוֹמֵר** וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ דִּקְדֵּק לוֹמַר שִׁבְיוֹ וְלֹא אוֹתוֹ, שֶׁאֵין בּוֹ מַמָּשׁ בְּעַצְמוֹ וְהֶעְדֵּרוֹ הוּא הַמְקֻוֶּה, אֶלָּא שִׁבְיוֹ, פֵּרוּשׁ, מַה שֶּׁשָּׁבָה הוּא מִבְּחִינַת הַטּוֹב מִמְּךָ וּמְכַיּוֹצֵא בְּךָ בְּפִתּוּיָיו וּבְנִצְחוֹנוֹ, שֶׁכַּמָּה נְשָׁמוֹת מֵעַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שְׁבוּיוֹת בְּיָדוֹ:

**וְאוֹמְרוֹ** וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר, אָמַר אֵשֶׁת סָמוּךְ, פֵּרוּשׁ, נִשְׁמַת אָדָם, כִּי אֵין הַסּ"מ שׁוֹלֵט בַּנֶּפֶשׁ עַד שֶׁתֵּרֵד מַטָּה וְתִכָּנֵס בְּאָדָם, מִמֶּנּוּ הוּא לוֹקְחָהּ בַּשֶּׁבִי, וְהַנֶּפֶשׁ תִּקָּרֵא אִשָּׁה, וְקָרָא לָזוֹ יְפַת תֹּאַר כִּי הַנֶּפֶשׁ יָפָה עַד מְאֹד אֶלָּא שֶׁמִּתְנַוֶּלֶת בְּמַעֲשֶׂיהָ הָרָעִים וּכְשֶׁיְּנַצַּח הַיֵּצֶר אָז יַשְׂכִּיל הָאָדָם בְּנַפְשׁוֹ מַה יָּפָה וּמַה נְּעִימָה הִיא:

**וְאָמַר** וְחָשַׁקְתָּ בָהּ, פֵּרוּשׁ, אָז הַחֵשֶׁק שֶׁהָיָה לוֹ בְּדִבְרֵי הַיֵּצֶר וּבְפִתּוּיָיו יַלְבִּישֵׁם בָּהּ לְתַקֵּן לָהּ הַמֻּשְׂכָּלוֹת וְעוֹלָם הַקַּיָּם שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב:

**וְאוֹמְרוֹ** וַהֲבֵאתָהּ אֶל תּוֹךְ בֵּיתֶךָ, לְפִי שֶׁעַל יְדֵי פִּתּוּי הָרַע מִתְרַחֶקֶת הַנֶּפֶשׁ מֵהַגּוּף וְשׁוֹכֵן חֵלֶק רַע בִּמְקוֹמָהּ, כְּדֶרֶךְ אוֹמְרוֹ (איוב יח) טוֹרֵף נַפְשׁוֹ בְּאַפּוֹ, וְהַגּוּף יִקָּרֵא בַּיִת עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם (תענית יא.) מִי מֵעִיד בָּאָדָם קוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁהוּא הַגּוּף, וּכְשֶׁנּוֹצֵחַ יִצְרוֹ יָבִיא נַפְשׁוֹ לְתוֹךְ בֵּיתוֹ וְיִקָּרֵא בַּעַל נֶפֶשׁ:

## ביאור אור החיים

דער אוהחה"ק ערקלערט דעם לשון 'ושבית שביו'

**וְאוֹמֵר** און דער פסוק זאגט **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ** און דו וועסט פאנגען זיין געפענגעניש, **דִּקְדֵּק לוֹמַר** ער האט מדקדק געווען צו זאגן **שִׁבְיוֹ** זיין געפענגעניש **וְלֹא אוֹתוֹ** און דער פסוק זאגט נישט אז מ'וועט אים פאנגען, ערקלערט דער אוהחה"ק **שֶׁאֵין בּוֹ מַמָּשׁ בְּעַצְמוֹ** ווייל עס איז נישט דא קיין ממשות אין אים אליין אין דעם יצר הרע, **וְהֶעְדֵּרוֹ** און זיין פעלן אז ער זאל מער נישט עקזיסטירן **הוּא הַמְקֻוֶּה** דאס איז די געהאפטע מ'האפט אז דער יצר הרע זאל נישט עקזיסטירן, ממילא קומט נישט צו זאגן אז מ'וועט 'אים' פאנגען, ווייל אים וועט מען אינגאנצן בטל מאכן, **אֶלָּא** נאר, מ'וועט פאנגען **שִׁבְיוֹ** זיין געפאנגענע **פֵּרוּשׁ** פשט איז **מַה שֶּׁשָּׁבָה הוּא** וואס ער האט געפאנגען **מִבְּחִינַת הַטּוֹב** פון די בחינה פון גוטס **מִמְּךָ** פון דיר **וּמְכַיּוֹצֵא בְּךָ** און פון ענליך צו דיר **בְּפִתּוּיָיו** מיט זיינע איבערעדענישן וואס ער רעדט איבער דעם מענטש צו זינדיגן **וּבְנִצְחוֹנוֹ** און מיט זיין באזיגן דעם מענטש, **שֶׁכַּמָּה נְשָׁמוֹת** וואס אסאך נשמות **מֵעַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** פון דער פאלק פון די אידישע קינדער **שְׁבוּיוֹת בְּיָדוֹ** זענען געפאנגען אין זיין האנט און דאס וועט מען צוריקנעמען פון אים.

דער אוהחה"ק ערקלערט אז נאכן באזיגן דעם יצה"ר וועט מען זען אז די נשמה איז א יפת תואר

**וְאוֹמְרוֹ** און דאס וואס דער פסוק זאגט **וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה** און דו וועסט זען אין דעם געפענגעניש וואס דער יצר הרע פאנגט נשמות **אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר** א פרוי וואס איז שיין פון געשטאלט. **אָמַר** דער פסוק זאגט **אֵשֶׁת** דיווארט אשת **סָמוּךְ** נאנט צום קומענדיגן ווארט 'יפת תואר', און עס שטייט נישט 'אשה', **פֵּרוּשׁ** פשט פון אשת איז **נִשְׁמַת אָדָם** די נשמה פונעם מענטש, **כִּי אֵין הַסּ"מ שׁוֹלֵט בַּנֶּפֶשׁ** ווייל דער ס"מ געוועלטיגט נישט אויפן זעל **עַד שֶׁתֵּרֵד מַטָּה** ביז די נפש נידערט אראפ אונטן **וְתִכָּנֵס בְּאָדָם** און זי גייט אריין אינעם מענטש, **מִמֶּנּוּ הוּא לוֹקְחָהּ בַּשֶּׁבִי** פון אים טוט ער איר דער נפש נעמען אין געפענגעניש, **וְהַנֶּפֶשׁ** און דער זעל **תִּקָּרֵא אִשָּׁה** ווערט אנגערופן א פרוי, **וְקָרָא לָזוֹ** און ער האט אנגערופן צו די דאזיגע נפש **יְפַת תֹּאַר** א שיינע פון געשטאלט **כִּי הַנֶּפֶשׁ** ווייל דער זעל **יָפָה עַד מְאֹד** איז שיין ביז זייער **אֶלָּא** **שֶׁמִּתְנַוֶּלֶת** נאר אז זי ווערט פאר'מיאוס'ט **בְּמַעֲשֶׂיהָ הָרָעִים** מיט אירע שלעכטע מעשים, **וּכְשֶׁיְּנַצַּח הַיֵּצֶר** און ווען דער יצר הרע וועט באזיגט ווערן **אָז יַשְׂכִּיל הָאָדָם** דעמאלס וועט דער מענטש פארשטיין און אנערקענען **בְּנַפְשׁוֹ** אין זיין זעל **מַה יָּפָה וּמַה נְּעִימָה הִיא** ווי שיין און ווי זיס זי איז:

דער אוהחה"ק ערקלערט 'וחשקת בה' אז מ'זאל נעמען די גלוסטענישן און גלוסטן צו רוחניות

**וְאָמַר** און דער פסוק זאגט **וְחָשַׁקְתָּ בָהּ** און דו וועסט גלוסטן אין איר, **פֵּרוּשׁ** פשט איז, **אָז** דעמאלס נאכן מנצח זיין דעם יצר הרע איז **הַחֵשֶׁק שֶׁהָיָה לוֹ** דער גלוסטעניש וואס איז געווען צו אים **בְּדִבְרֵי הַיֵּצֶר** אין די ווערטער פונעם יצר הרע **וּבְפִתּוּיָיו** און אין זיינע צורעדעניש צו טון עבירות **יַלְבִּישֵׁם בָּהּ** וועט ער די גלוסטענישן אנקליידן אינעם נפש **לְתַקֵּן לָהּ הַמֻּשְׂכָּלוֹת** צו פארריכטן צו איר די געקלוגטע זאכן[א] **וְעוֹלָם הַקַּיָּם** און דער וועלט וואס בלייבט **שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב** וואס איז אינגאנצן גוט:

דער אוהחה"ק ערקלערט 'והבאתה אל תוך ביתך' אז דורכן תשובה טון ברענגט מען צוריק די נשמה אינעם מענטש

**וְאוֹמְרוֹ** און דאס וואס דער פסוק זאגט **וַהֲבֵאתָהּ** און דו וועסט איר אריינברענגען **אֶל תּוֹךְ בֵּיתֶךָ** צו אין דיין הויז, **לְפִי שֶׁעַל יְדֵי פִּתּוּי הָרַע** ווייל דורך די צורעדענישן פון שלעכטס **מִתְרַחֶקֶת הַנֶּפֶשׁ מֵהַגּוּף** ווערט דער זעל דערווייטערט פונעם גוף **וְשׁוֹכֵן חֵלֶק רַע** און עס רוהט דער שלעכטער חלק **בִּמְקוֹמָהּ** אין איר פלאץ, **כְּדֶרֶךְ אוֹמְרוֹ** אזויווי דער פסוק זאגט **טוֹרֵף נַפְשׁוֹ בְּאַפּוֹ** ער צעררייסט זיין נפש דורך זיין כעס וויבאלד זיין זעל דערווייטערט זיך פון זיין גוף, **וְהַגּוּף יִקָּרֵא בַּיִת** און דער גוף ווערט אנגערופן הויז **עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם** לויט ווי חז"ל זאגן **מִי מֵעִיד בָּאָדָם** ווער זאגט עדות אין דעם מענטש **קוֹרוֹת בֵּיתוֹ** די באלקענעס פון זיין הויז **שֶׁהוּא הַגּוּף** וואס דאס איז דער גוף **וואס איז ווי א הויז פאר זיין נשמה**, **וּכְשֶׁנּוֹצֵחַ יִצְרוֹ** און ווען ער באזיגט זיין יצר הרע **יָבִיא נַפְשׁוֹ** וועט ער צוריק אריינברענגען זיין זעל **לְתוֹךְ בֵּיתוֹ** צו אינעווייניג פון זיין הויז זיין גוף **וְיִקָּרֵא** און ער וועט ווערן גערופן **בַּעַל נֶפֶשׁ** א בעל-הבית פונעם זעל וויבאלד זיין נפש געפינט זיך אין אים.

---

**א.** רוחניות'דיגע און הייליגע זאכן וואס דער שכל פארשטייט איר וויכטיגקייט און וויל דאס [נישט קיין גשמיות'דיגע זאכן וואס איז נישט גוט פארן מענטש לויט דער שכל, נאר דער גוף גלוסט דאס].